בס"ד


שנה ה'
פרשת אמור
תשפ"ה
נומער 264


# קרית ברסלב בלעטל



## רְצוֹנֵנוּ לִרְאוֹת מַלְכֵּנוּ, בְּהִלּוּלָא דְּבַר יוֹחָאי

כי לא תשכח מפי זרעו -
**אן אומפארגעסליכע תורה, אבער וויאזוי?**
קוק אהער

וואס האט ל"ג בעומר מיט מיר?
**א ברויו פון דער ראש ישיבה שליט"א**

בטל כמה גזירות -
**גזירת החינוך אפגעשטופט**
היכל הקודש נייעס

## צהלי ורני יושבת ציון!

ראש ישיבה שליט"א אפגעפארן קיין ארץ ישראל צו מחזק זיין אנשי שלומינו

גרויסארטיגע סעודת פסח שני געפראוועט ברוב פאר והדר אין ירושלים עיר הקודש

מער פרטים פונעם באזוך קומענדיגע וואך אם ירצה השם

קרית ברסלב בלעטל

פרשת אמור תשפ"ה • 265


**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
נפתלי הירצקא וואללנער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב ווייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ



צו אדווערטייזן אדער ארייגשיקן בריוו,
קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייגצושיקן עדס איז זונטאג 1:00




ביטל כמה גזירות החינוך 4


מורפי'ס געזעץ 9


מיין ערשטע ל"ג בעומר אין מירון 31

8 אלץ און אלעמען

12 מעשיות פון תפילה

20 כאפ מיין אויג

22 הפצה ווינקל



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069


## זמנים
אמור י"ט אייר

הדלקת הנרות . 07:55
מוצאי שבת ..... 09:26

**מנחה מעריב**
**פרשת בה"ב 9:10**










איך האב זיך אלץ געשפירט
אזוי שלעכט זענדיג ווי דו
מאכסט צו דיין גמרא מיך צו
דארפן קומען אפנעמען.
היינט פריי איך זיך דיר צו
מעלדן אז דו דארפסט מער
נישט קומען צו מיר. יא, איך קום
צו דיר.
אבער איך בין דיר זייער
דאנקבאר פארן מיך קומען
אויפפיקן ביז היינט. איך ווייס
ס'איז נישט גרינג געווען. ס'האט
געמיינט אסאך פאר מיר.
מיט פיל הכרת הטוב
דיין סאטמאר פלייש ארדער
FREE DELIVERY
MINIMUM $50
CALL BEFORE 3:00 PM FOR SAME DAY DELIVERY
dominogrp.com
ציטן טוישן זיך. אריינפארן אין שטאט איינקויפן פלייש איז א
פארגאנגענהייט. רופט אריין טעגליך סאטמאר פלייש ד'קעטסקילס
צו באשטעלן אייער ארדער און ס'ווערט אפגעליפערט צו אייער טיר.
CALL OR TEXT - SATMER MEAT UPSTATE: 845.316.9990
ס א ט מ א ר
פל״ש

# היכל הקודש
# נייעס



## ניו יארק

גאר גאר פריידיגע נייעס איז אריינגעקומען אז די גזירת החינוך איז געווארן אפגעשטיפט פאר אפאר יאר. עס האט געהייסן אז די שטאט גייט זיך אט אט נעמען אויף א ליסטע פון געוויסע מוסדות וואס שטעלן זיך נישט צו מיט די לימודים וואס זיי ווילן מען זאל לערנען, און אונזערע מוסדות איז אויך געווען אויף די ליסט. מען האט געהאלטן אין איין בעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן נישט האבן קיין שום שליטה אויף אונז, מען זאל ווייטער קענען לערנען מיט די קינדער אויף די אויסגעטרעטענע וועג, די ריינע קלארע אמונה מדור דור.

די לעצטע שטיק צייט איז מען אויפגעקומען מיט א געדאנק צו אריינשרייבן געוויסע ווערטער אינעם בודזשעט וואס דארף אריסקומען אין די טעג, וואס דאס וועט העלפן אפצושטופן דעם גזירת החינוך. למעשה זענען די לינקע - ליידער אידן, געווען געווארן וואס מען פלאנט דא צו טון, זיי האבן אנגעהויבן צו פארפירן, און לייגן אין די צייטונגען וואס די פלענער זענען.

פארשטייט זיך אז מיר היימישע אידן האבן ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן אז דאס זאל אדורכגיין, און ברוך השם פארגאנגענעם דאנערשטאג איז עס טאקע אדורך, און דאס האט געברענגט א געוואלדיגע פארלייכטערונג, אויף די ניו יארקער אידנטום, וואס מיטשען זיך שוין מיט דעם די לעצטע זעקס יאר.

פארגאנגענעם שבת האט דער ראש ישיבה זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ, זינגענדיג דעם ניגון 'חסדי השם כי לא תמנו' לכבוד דעם געוואלדיגן נס וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז, און דער ראש ישיבה האט פארציילט אז דאס דרוקט שוין אויף זיין קאפ די לעצטע פאר יאר, און יעצט איז עס ברוך השם אפגעשטיפט געווארן.

א שטארקע נקודה איז וויכטיג ארויסצוברענגען אז די סיבה פארוואס דאס האט יעצט געקענט צושטאנד קומען, איז געווען ווייל אלע קהילות און מוסדות האבן געארבעט צוזאמען דאס אפצוקלאפן, יעדער האט נאר געמיינט די תועלת און די טובה פון די זאך, במילא האט דאס געקענט פאסירן. דאס ברענגט ארויס די שיינקייט פון ארבעטן צוזאמען באחדות, און ווען נאר רצון השם, דעמאלט קומט מען אן גאר ווייט, און דאס האט דער אייבערשטער זייער ליב, ווען אידישע קינדער זענען באחדות.

אזוי ווי די שטאט האט געזען אז זיי האבן דא פארלוירן, האבן זיי אראפגעשיקט פון די העלט דעפארמענט צו אסאך מוסדות'ער אין שטאט, זען אויב מען קען עפעס טרעפן עבירה'לעך, און געבן שטראפן. אויך זענען זיי געווען ביי 27 סקילמאן אין ברסלב'ע חדר, זיי האבן געזיכט און גענישטערט, אבער ברוך השם זיי האבן נישט געטראפן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גזירה זאל אינגאנצן בטל ווערן, און מען זאל מער נישט האבן קיין פראבלעמען מיט לערנען תורה אויפן הייליגן וועג וויאזוי מען דארף לערנען.

אלעס אין איינער

# דער מלמד ר' זלמן לייב
# דיצט שוין אין כיתה
# צען מינוט בעפאר
# די קינדער קומען
# אין חדר



## **דער מלמד ר' זלמן לייב האט א שיעור אינעם ספר ותחיין את הילדים**




זכות פרק
$1000

זכות
$500

**קרן הדפסה**
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פארבינדט אייך
היינט מיטן גבאי
**מו"ה לייבי ראטה הי"ו**

347
578
4449



*sruliHeskel

# פנינים

# אויסגעלייזט - אויסדערוועלט

די הערליכע טעג פון פסח וואס ווערט אראפגעלייגט אין די הייליגע ספר זוהר אלץ טעג פון הילינג, טעג וואס מיר היילן זיך פון אלע שלעכטס און טומאה, איז אזוי ליכטיג און פרייליך, געניסנדיג פון די עצות, שכל און לימודים פון דער ראש ישיבה שליט"א, פול מיט אמונה, פול מיט שמחה, פול מיט דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף יעדע טריט און שריט, אן קיין נערוועז, אן קיין מרה שחורה, בלויז טון דעם רצון ה'.

מיין אריינפיר צום היי יעריגן יום פסח איז געווען א שטארקע ווארט וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט - זונטאג צו נאך די סיום הש"ס פון הבחור חיים שלמה קויפמאן נ"י - דעם דיבור פון רבי'ן אז ווער עס ענדיגט ש"ס איז ממשיך אויף זיך א צלם אלקים, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "וואס איז א צלם אלקים? א שמייכל", אז מען לערנט גמרא האט מען א צלם אלקים, מען איז פרייליך.

(בכלל איז מערקבאר דאס וואס דער ראש ישיבה זאגט ביי די סיומים פון די תלמידים: "דו זאג [די הדרן] און מיר וועלן זינגען", דאס דערמאנט וואס דער ראש ישיבה האט אמאל געשריבן אין א בריוו פאר א פרישע פארפאלק קורצליך נאך זייער חתונה, וואו ער שרייבט זיי וויכטיגע יסודות פארן לעבן, און ער שרייבט דארט אז ער האט נישט געטאנצן מצוה טאנץ ביי זייער חתונה, אבער - פירט ער אויס: "וואס יא? איך וועל טאנצן פאר אייך דורכאויס אייער גאנץ לעבן; איך וועל אייך משמח זיין, מעודד זיין און משמח זיין. יעדע וואך ליל שישי איז דא א שיעור פאר די אברכים פון ישיבה, דעמאלט טאנץ איך מצוה טאנץ; איך גיב איבער ביים שיעור אלע עצות און חיזוק ועידוד וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט. אזוי אויך קומט פאר יעדן ערב ראש חודש א שיעור פאר אלע פרויען, איך האף אז איר וועט זיך קומען משתתף זיין", ע"כ; דאס טוט שטענדיג דער ראש ישיבה פאר אונז, ער זינגט פאר אונז און טאנצט פאר אונז; ער מאכט אונז פרייליך און איז אונז מעודד צו גיין אין די וועגן פון די תורה און פון הייליגן רבי'ן, צו טון דעם רצון ה' אויף יעדן טריט און שריט).

נאך א שטארקע ווארט איז געווען פאר מיר א שטארקע יסוד מיט צו נעמען אויפן יום טוב פסח, וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט ווען אנשי שלומינו האבן אפגענומען זייערע ערב פסח מצות ביים מצות בעקעריי, מאנכע האבן באקוקט זייערע ערב פסח מצות וואס זיי האבן באקומען און דאס געוואלט איינטוישן פאר מער דינערע און גלייכערע מצות, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: "פון וואו נעמסטו די אויסדרוק 'געבויגן', 'הארט'? דאס זענען אידישע מצות, דאס איז א איד, 'הארט' און 'געבויגן'.

פאריאר - צווישן די ווענט פון קול ברסלב און עצתו אמונה - איז געווען א חידוש אינעם מנהג פון אפיקומן, אזוי ווי מיר טרעפן אינעם קונטרס עצתו אמונה, ווי איינער פרעגט א שאלה דעם ראש ישיבה (קונטרס 362): "אום חול המועד האב איך געהערט אן אינטערוויו אויף 'קול ברסלב', ווי איינער האט איבערגעזאגט אז דער ראש ישיבה שליט"א האט געפרעגט זיין ווייב פסח ביינאכט וואס זי וויל פאר אפיקומן. עס איז מיר געפאלן דעם געדאנק, איך האב אויך געוואלט זיין א גוטער, האב איך געפרעגט מיין ווייב וואס זי וויל פאר אפיקומן, אפשר א צירונג, אדער עפעס אן אנדערע שיינע זאך, האט זי מיר געזאגט, אז זי וויל עפעס אנדערש, איך האב זיך זייער געוואונדערט וואס זי קען וועלן, האט זי מיר געזאגט אז זי וויל איך זאל איר צוזאגן אז איך וועל אייביג זיין פרייליך און קיינמאל נישט זיין אין א שלעכטע מוט אינדערהיים. איך האב איר געזאגט אז יעצט אויף די מינוט קען איך איר דאס נישט צוזאגן, אבער אי"ה מיט די צייט וועט דאס געשען.

שאלתי ובקשתי, איז דא אזא זאך אז א מאן זאל באמת קענען צוזאגן פאר זיין אשת חיל אז ער גייט אייביג זיין פרייליך אין שטוב און קיינמאל נישט זיין מיט א אראפגעלאזטע נאז? איך לעבן זענען דאך דא אלע סארט מצבים, אלץ קען זיך מאכן אז זאכן זאלן גיין מיט'ן לינקן פוס, וואס ענטפער איך פאר מיין ווייב ווען זי וועט מיך פרעגן וואס איז געווארן מיט מיין אפיקומן?" און דער ראש ישיבה ענטפערט דארט אן אויסדרוקליכער יא!

## שיחות, זכרונות און אנעקדאטן

**יואל שניצלער**

מ'קען דאס באווייזן, עיין שם.

די יאר האבן מיר אויך געהאט צוויי אנעקדאטן איבער דעם ענין פון אפיקומן, איינס וואס דער ראש ישיבה האט ווידערהאלט פאר א טאטע פון א קינד וואס האט אים געבעטן פאר אפיקומן אז ער זאל קענען אויסארבעטן די מידות און האבן גוטע מידות, א נייע דערהער, דער ראש ישיבה האט דאס שטארק באוואונדערט, און די צווייטע איז דער באגריף פון געבן פאר דער ראש ישיבה אן אפיקומן, אזוי ווי מיר האבן געליינט אין א בריוו אין עצתו אמונה נאך פסח וואו דער ראש ישיבה שרייבט: "א גרויסן יישר כח פאר די שיינע אפיקומן וואס דו האסט מיר געגעבן, איך האב געהאט א שמחת יום טוב, איך בין אסאך מער רואיגער, איך האב אזוי סאך געוויינט דעם ווינטער צום אייבערשטן וואס וועט דא זיין, און יעצט האסטו מיר געגעבן דעם אויסגעבעטענעם אפיקומן"; אין היכל הקודש איז שטענדיג דא חידושים...

* * *

מוצאי ערשטע טאג האב איך זיך פלינקערהייט אריבערגעכאפט צום ראש ישיבה אויף האשקי, למעשה ווען איך בין אנגעקומען אין ביהמ"ד איז שוין דער ראש ישיבה געזיצן און געלערנט פאר זיך אויף זיין פלאץ, איך האב אים נישט געוואלט שטערן, האב איך זיך אראפגעזעצט ביי איינע פון די אונטערשטע בענק און געזאגט משניות. אינצווישן האב איך געהאט שיחות חברים מיט איינער פון די חשוב'ע מלמדים אין שטעטל, ער האט מיר איבערגעזאגט פון דער ראש ישיבה א שיינע זאך, אז פסח ביינאכט האט א טאטע א ספעציעלע חן ביים רעדן צו די קינדער, און אינו דומה די כח פון די ווערטער וואס א טאטע רעדט צו די קינדער פסח ביינאכט, וועגן אמונה, וועגן ניסים, וועגן דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן, ווי ווען מ'רעדט די ווערטער דורכאויס די יאר.

אגב, די וואך אין עצתו אמונה זעען מיר אז די ווערטער וואס דער טאטע רעדט אום שבת קודש צו די קינדער האט אויך א ספעציעלע חן, אזוי ווי דער ראש ישיבה שרייבט: "מאך שיינע סעודות שבת, זינג זמירות און רעד מיט דיינע קינדער, ווייל די דיבורים וואס מען רעדט שבת האט חן און עס טוט זייער אסאך אויף".

> אויב ער פארפאסט דורכצולערנען איין וואך די קונטרס עצתו אמונה זאל ער זיך פארבינדן מיט קרן הדפסה און זיך דאס פארשאפן, ווייל אויב מ'פארפאסט איין וואך די קונטרס דארף מען דאס משלים זיין, ווייל אז נישט פארפאסט מען א שטיק שכל.

ווי אויך האט ער מיר דערציילט אז דער ראש ישיבה האט גערעדט איבער די וויכטיגקייט פון דורכלערנען יעדע וואך די קונטרס עצתו אמונה, ווייל יעדע וואך איז דא פרישע שכל און פרישע עצות וואס מען טאר נישט אויסלאזן, און דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט צו א אינגערמאן אז אויב ער פארפאסט דורכצולערנען איין וואך די קונטרס עצתו אמונה זאל ער זיך פארבינדן מיט קרן הדפסה און זיך דאס פארשאפן, ווייל אויב מ'פארפאסט איין וואך די קונטרס דארף מען דאס משלים זיין, ווייל אז נישט פארפאסט מען א שטיק שכל.

דערנאך האט זיך פארמירט א שיינע שמועס מיט דער ראש ישיבה וואס האט זיך פארצויגן פאר באלד צוויי שעה, וואס מיר האפן בעז"ה צו באשרייבן צווישן די ווענט פונעם בלעטל.

איינע פון די שיינע זאכן וואס מ'האט אויסגעשמועסט ביי דעם שמועס, איז געווען וואס דער ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט אז ווען מ'איז עוסק אין הפצה קען מען נישט וויסן וועלכע זאך וועט טון א שטארקע פעולה און מאכן אן אויפרייס, מ'דארף טון וואס מ'קען און וויפיל מ'קען.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער האט בכלל נישט געטראכט אז די ניגון "נאך א בעבי" וועט האבן אזא שטארקע אפקלאנג אין די וועלט, ווען ער האט דאס אריינגעלייגט אינעם אלבום איז עס געווען בלויז צוצוענדיגן א צענטע טרעק פארן אלבום, און דערווייל איז דער טרעק די מערסטע פאפולער און איז מחזק אזויפיל משפחות.

שכח אייבערשטער נאך די גרויסע אפקלאנג אויף דעם ספר "אויסגעלייזט" לכבוד יום טוב פסח, גרייט מען שוין בעז"ה אן אין מכון עצתו אמונה א ספר אויפן יום טוב שבועות, וואס דער ראש ישיבה האט באשטעטיגט עס זאל הייסן "אויסדערוועלט", קוקט ארויס אויף די קומענדיגע הודעה ווען דער ספר וועט זיין צו באקומען אי"ה.

# איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

האסט א שאלה? שיק צו askgershon@gmail.com



## וויאזוי ארבעט א באר קאוד?

### שאלה

**ווען מען גייט אין א געשעפט קויפן א פראדאקט, רעכנט מען דאס מיט א באר קאוד, וואס מיט דעם ווייסט מען וויפיל עס קאסט. וואלט איך געוואלט פארשטיין וויאזוי ארבעט א באר קאוד?**

### ענטפער

זייער א גוטע פראגע. עס איז ערב שבת קודש, ר' תנחום גייט אין גראסער, ער זינגט זיך אונטער א פריילעך לידל, מען גייט איינקויפן לכבוד שבת קודש. אין די נישט ווייטע פאראנגאנגענהייט, פלעגט יעדע אייטעם אין גראסערי האבן א קליינע סטיקער מיט די פרייז דערויף, און אזוי האט דער מענטש ביים רעכענער מאשין אויסגערעכנט איינס פלאס איינס, און געוויסט וויפיל דער ארדער קאסט.

אבער ר' תנחום לעבט אין יאר תשפ"ה, ער קויפט איין מיט גרויס שמחה אלעס וואס ער דארף פאר שבת, גרעיפ דזשוס, דיפס, נאש, און אזוי ווייטער, ער ברענגט זיין וועגעלע צום רעדזשיסטער, און עפעס א קונץ פאסירט, מען פירט אלע פראדוקטן דורך עפעס א מאשין און וואונדער איבער וואונדער, עס קומט ארויף אויפן סקרין די פונקטליכע דעסקריפשן פונעם פראדוקט, דער פרייז, און דאס אלעס ווערט דערנאך צוזאם גערעכנט, און ר' תנחום גייט ארויס נאכן באצאלן דעם ארדער זאגענדיג "לכבוד שבת קודש".

פון וואו ווייסט דער מאשין וואס איך האב געקויפט דורך בלויז דורכפירן די זאכן העכער אים? דער ענטפער איז זייער אינטערעסאנט. עס זענען דא פארשידענע סארטן בארקאודס, אבער מיר וועלן דא רעדן פון די פשוטע יו-פי-סי באר קאוד וואס יעדע אייטעם אין גראסערי פארמאגט היינט.

די ערשטע ציל פון די באר קאודס איז טאקע דאס וואס מיר האבן געברענגט אינעם משל, צו פארשנעלערן דאס קענען רעכענען זאכן אין געשעפטן. וויאזוי ארבעט דאס? צוערשט געבט מען פאר יעדע אייטעם א נומער, פאר אונזער ביישפיל וועט מען האבן נאר צען אייטעמס אין געשעפט, און יעדע וועט באקומען איין נומער פון איינס ביז צען, מען לייגט אריין אין קאמפיוטער די ליסטע פון אייטעמס וועלכע נומער דאס וועט זיין, וויפיל עס קאסט און אזוי ווייטער. דער באר קאוד נוצט א פעטער"ן פון שווארצע און ווייסע ליניעס פון א געוויסע לענג, פאר אונזער ביישפיל וועלן מיר רעדן פון "על" קאוד וואס יעדע נומער פארנוצט זיבן איינציגע ערטער וואס קען זיין שווארץ אדער ווייס. דער פאלגענדער צירוף וואס איז (פון רעכטס אויף לינקס) שווארץ, ווייס, ווייס, שווארץ, שווארץ, ווייס, ווייס, מיינט "פינף".

פאר אונזערע אויגן זעט עס אויס ווי בלויז צוויי שווארצע ליניעס, איין דינע שווארצע ליניע, און איין דיקערע שווארצע ליניע, מיר קענען ווערן שטארק צומישט פון פרובירן צו ליינען א באר קאוד, אבער מאשינען ארבעטן אנדערש, א מאשין קען נישט אזוי גרינג ליינען פשוטע אותיות אדער ציפערן, פאר זיי איז אסאך גרינגער צו קוקן אויף די ליניעס און אפמעסטן וויפיל פלאץ די ווייסע און שווארצע נעמען אויף, און אין א רגע כמימרא כאפט עס אויף דער ציפער (אדער ציפערן) און ער שפייעט אויס די אינפארמאציע אין קאמפיוטער, אייטעם נומער 0124538 איז דער און דער פראדוקט, עס קאסט אזויפיל, ער ווייסט פונקטליך וויפיל עס איז נאך דא אין סטאק, וועלכע פירמע האט עס פראדוצירט.

מיט אונזערע גשמיות'דיגע חושים איז שווער צו באגרייפן וויאזוי "זאגן" משניות קען "אויסהיילן" א מענטש. אבער דער סקענער דארף נישט קיין הסברים, ער גיט א בליק רגע כמימרא, און אט קומט ארויף די גאנצע אינפארמאציע אויפן סקרין, ציי איך פארשטיי יא, וויאזוי תיקון הכללי פאררעכט א מענטש אדער נישט, ארבעט עס, נאכדעם וואס א מענטש זאגט דעם תיקון הכללי וואס דער הייליגער רבי' האט געגעבן, האט א מענטש א נייע נשמה, נישטא וואס צו קוקן אויף צוריק, איך דארף טראכטן נאר אויף פאראויס, דער אייבערשטער דארף מיך, און איך דארף אים.

**ממלא כל עלמין וסובב על עלמין!**



# וואס איז מורפי'ס געזעץ?

## שאלה

**וואס מיינט דאס "מורפי'ס געזעץ" (Murphy's law), און פון וואו שטאמט דאס?**

**ח. רייזמאן**

## ענטפער

מורפי'ס געזעץ זאגט אין קורצן "אלעס וואס קען גיין שלעכט וועט גיין שלעכט". פון וואו קומט דער נארישער "געזעץ"? און פארוואס רופט מען עס "געזעץ"? צום ערשט איז אינטערעסאנט צו וויסן אז כאטש געוויינליך באדייט "געזעץ" עפעס וואס די רעגירונג האט באפוילן, און עס קען האבן שטראפן אויב מען שטעלט זיך נישט צו דערצו, קען עס אויך גענוצט ווערן צו באצייכענען זאכן וואס זענען אין די יסודות פון די בריאה, זאכן וואס ליגן אין די טבע וואס אויסער א נס קען עס נישט טוישן.

וואס דארף מען מער, ווי דער באקאנטער אויסדרוק "חוקי הטבע", וואס בוכשטעבליך באדייט דאס "די געזעצן פון די טבע".

ערליכע אידן וואס לעבן מיט'ן אייבערשטן, חזר'ן אמונה, גלייבן אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, ער זוכט נאר אונזער גוטס, און נאר ער האט די מעגליכקייט צו טוישן סיי וואס אויף דער וועלט, און יעדע זאך וואס פאסירט איז מיט א פונקטליכע חשבון פארוואס עס מוז זיין פונקט אזוי, לעבן מיט אנדערע געזעצן, מורפי'ס געזעץ איז אז אלעס וואס קען גיין שלעכט, וועט גיין שלעכט, אבער מיר זאגן פונקט פארקערט, דער אייבערשטער פירט זיין וועלט מיט גרויס רחמנות, און עס איז דא בלויז איין געזעץ אויף דער וועלט, אלעס וואס פאסירט, קומט נאר פון אייבערשטן, און אלעס וואס קומט פון אייבערשטן איז כולו גוטס

וואס איז געווען די מעשה מיט דעם מורפי, אז ער האט אויסגערופן אזא "געזעץ"? אין די אמעריקאנער עיר פארס האט געארבעט אן אינדזשעניר מיט'ן נאמען עדווארד מורפי. זומער תש"ט (למספרם 1949) האט ער געארבעט אויף א פראיעקט צו טעסטן וויפיל כח (G force) א מענטש קען אויסהאלטן ווען ער ווערט שנעל אפגעשטעלט, ערגעץ ווי במשך די טעסט האט איינע פון די ארבייטער אריינגעלייגט א שרויף אינעם מאשין פארקערטערהייט, און דאס האט גורם געווען אז דער גאנצער טעסט איז געגאנגען א גאנג.

מורפי - א פשוטער גוי, וואס לעבט אן אמונה, איז געווען זייער פרוסטרירט, און זיך אנגערופן צארנדיג "אויב עס איז דא עפעס וואס קען גיין שלעכט, וועט עס אזוי זיין." די וועלט - פונקט ווי דער מורפי - וואס לעבט נישט מיט'ן אייבערשטן, האט אנגעהויבן צו נוצן דעם אויסדרוק "מורפי זאגט, אז אויב איז דא עפעס וואס קען גיין שלעכט, וועט עס גיין שלעכט", און ווי עס זעט אויס איז דער שלאג-ווארט געווארן גאר שטארק פארשפרייט, און יעדעס מאל עפעס איז געגאנגען שלעכט ביי א גוי, האט ער נישט מער ווי געדארפט זאגן, "אה, מורפי'ס געזעץ", ווי צו זאגן, אז אזוי "מוז" עס זיין, דאס איז פון די חוקי הטבע, אז אלעס איז שלעכט, און אלעס וועט זיין שלעכט...

עס איז א גרויסע רחמנות אויף די מענטשן וואס לעבן אן דעם אייבערשטן, ווייל וויאזוי קענען זיי זיך אויפהייבן נאך א דורכפאל? אנשטאט זיי זאלן זיך קענען שטארקן אז מען קען מתפלל זיין צום אייבערשטן וואס פירט די וועלט, איך האב עס פארלוירן, עפעס א ווערדפולע זאך האט זיך צובראכן, איך האב פארשפעטיגט א וויכטיגע אפוינטמענט, דאס איז זיכער אז אלעס איז לטובה, עס קען גאר זיין אז עס וועט נישט דורכגיין קיין סאך צייט, און דו וועסט געוואויר ווערן אז טאקע פון דיין דורכפאל, איז ארויסגעקומען א גרויסע טובה.

מען האט דיר געווארפן פון דיין דזשאב? אפשר א דאנק דעם וועסטו מצליח זיין אליינס. האסט געטראפן א נגע אויפן וואנט, אונטער דעם ליגט באגראבן אן אוצר.

מורפי זאגט "עס איז ביטער, און עס גייט זיין שלעכט", אבער צדיקים זאגן, "טראכט גוט, וועט זיין גוט".

**טראכט גוט וועט זיין גוט!**

שפיגל

# פארלעצטע פראטאקאלן

געווען איז עס אין די נישט ווייטע, פארגאנגענהייט, אייניגע יארן צוריק למספרם 2013 ווען עס האט אויסגעבראכן א העלישע פייער אין די וועלדער וואס נעמען ארום דעם קליינעם שטעטעלע יארניעל אין אריזאנע.

גאר אין קורצן וואס דא גייט פאר איז אזוי. ווי יעדעס קינד און טאטע ווייסט אז א פייער איז זייער א מסוכנ'דיגע זאך פון וואס מען דארף שטיין זייער ווייט, אבער דאס קומט נישט צו צו די סכנה פון א וואלדפייער, ווי מען הערט כסדר פון די וואס הערן ליידער אויס די נייעס און קומען עס אלץ איבערדערציילן מיט די נשמה אויפן שפיץ גאפל ווי כאילו ס'גייט זיי עפעס העלפן, אז עס פאסירט ליידער א וואלד פייער וואס דערגרייכט א שטאט און עס פארציקט דעם גאנצן שטאט, די וואס כאפן זעך און פעק און יאגן אפ פון שטח ראטעווען זיך טאקע דאס לעבן, אבער אין געווענטליכע פעלער וועט פון די געביידעס פון שטאט נישט איבערבלייבן קיין סאך.

דערנאך זענען דא וואלד פייערן וואס בלייבן טאקע אין וואלד, ווי היפש ווייניג פון די היימישע אידנטום אין ניו יארק וועלן אפילו וויסן אז ממש דערנעבן פון די קעטסקילס ראיאן איז מיט א האלבע יאר צוריק געווען א העלישע וואלדפייער וואס איז געבליבן א וואלד פייער, און נישט געקומען נאנט צו קיין באוואוינטע געגענטער, און נישט געדראעט צו פארניכטן קיין סטרוקטורן אדער מענטשליכע לעבנס.

טאקע דערפאר איז פארהאן א וועג וואס ווי אינטערעסאנט עס הערט זיך נאר, קען מען אזוי אפהאלטן א וואלד פייער פון לויפן ווייטער, און דאס איז א בחינה פון וואס מען לערנט אין הלכות שבת אֵין בישול אחר בישול...

ווען א וואלד פייער קומט אן נאנט צו א שטאט און די לאקאלע באהערדע האבן מורא אז עס קען אנקומען אין שטאט אריין, וועל גיין געלערנטע פאכלייט און מאכן א פייער נאנט צום שטאט און פארברענען אלע ביימער ארום און ארום, ביז אלעס וואס קען ברענען ארום דעם שטאט ווערט אש, אזוי אז ווען די גרויסע העלישע פייער קומט אן נאנט צום שטאט איז נישט פארהאן אין וואס זי זאל זיך אנכאפן ווייטער און קומען נאנטער צום שטאט, אזוי קען מען סוקסעספול אפהאלטן דעם פייער פון אריינקומען אין שטאט און מאכן דערפון א פארגאנגענהייט.

פארשטייט זיך אז זיך שפילן מיט פייער איז א שפיל מיט פייער, אפילו פייערלעשער האבן נישט וואס צו זוכן ביי אזא קאנטראלירטע פייער צו אפשטעלן די פייער אקציע, דאס געהערט פאר גרופעס ספעציעל טרענירט זיך צו קענען דרייען הארט נעבן גרויסע בושעווענדיגע פייערן.

און דאס איז אויך געווען די פאל ביים אויבענדערמאנטע פייער אין אריזאנע, ווען די פייערן וואס האבן זיך אריגינעל אנגעהויבן ווען א בליץ האט באטראפן א בוים היפש ווייט פונעם שטעטל איז נישט געווען אזוי געפערליך, אבער ווען עס איז די אנגעקומען נענטער און געצווינגען די לאקאלע איינוואוינער צו לייגן דרוק אז דער פייער זאל נישט דערגרייכן דעם שטאט און עס גענצליך אפווישן פון די מאפע, האבן די לאקאלע פייערלעשער אריינגערופן אזא גרופע פון עליטע פייער שלעגערס צו אפהאלטן דעם פייער פון אינגאנצן פארלענדן דעם שטעטל.

די הויך געשפיצטע חברה זענען אנגעקומען פריש און מונטער, אינגאנצן ב'גדול'ט גראד פון אן אנדערע וואלד פייער אין מיזורי, ווי זיי האבן געשטעלט א ווידערשטאנד צו אן אנדערע וואלד פייער וואס האט שיעור נישט פארניכטעט א גאנצע שטאט און זיי האבן עס פארמיטן פון אנקומען צום שטאט.

זיי האבן אנגעהויבן אויספלאנירן ווי אזוי זיך צו אויפסעטן און ווי צו מאכן זייער פייער וואס זאל נישט לאזן די אנדערע פייערן אדורכלויפן צום דערפל, אבער אינמיטן האבן זיי דורכגעפירט עטליכע שרעקליכע פארלעצונגען פונעם פראטאקאל, ווי צום ביישפיל נישט מעלדן כסדר זייערע פאזיציע צו די קאמאנדירן, ווי אויך האבן זיי נישט מיטגעברענגט אלע ריכטיגע געצייג וואס זיי וואלטן לעגאל געברויכט האבן.

ווען זיי האבן אנגעצינדן זייער פייער הארט דערנעבן פונעם שטאט צו פארברענען אלע ביימער אז די גרויסע פייער זאל נישט אנקומען צו זיי, איז א פייערלעשער העליקאפטאר וואס איז דאן אדורכגעפלויגן צו העלפן באקעמפן דעם פייער געמיינט אז דאס איז א סכנה'דיגע פייער וואס קען אין יעדע ליאדע מינוט פארברענען די שטאט, און אזוי ווי די עליטע פייערלעשער האבן

# א קוק אויף צוריק מיט א בליק אויף פאראויס

**ש. ז. היסטאריקער**

נישט געמאלדן זייער פאזיציע האט ער אויסגעגעגאסן זיין גאנצע וואסער זאפאס אויפן פייער און עס גענצליך אויסגעלאשן.

דאס האט איבערגעלאזט די אויבנדערמאנטע עליטע פייערלעשער קראפט אין א שרעקליכע סיטואציע אינגאנצן אנטבלויזט צום העלישן פייער וואס האט זיך דערנענטערט מער און מער, און אין נאך א שטוינענדע פארלעצונג פונעם פראטאקאל האבן זיי נישט פון פאראויס איבערגעלאזט פאר זיך א וועג ארויס אין פאל פון נויט, און ליידער איז דארט געווען דאס פלאץ ווי די גאנצע גרופע פייערלעשער - ניינצן אין צאל - זענען אומגעקומען פון די היץ און רויער פון די ברויזענדע פייער צונגען.

ווען די פייער איז אויסגעלאשן געווארן האבן די מאסן פארלאנגט אן אויספארשונג, צום ערשט איז דאס געווען די גרעסטע צאל פייערלעשער וואס זענען אומגעקומען אין אן איינצעלע אינצידענט זייט די צווילינג טורעמס צוזאמפאל סעפטעמבער דעם עלעפטן אין ניו יארק סיטי. צווייטנ'ס איז אין אזא קליינע פארשטופטע שטעטעלע אין אריזאנע - וואס רוב אמעריקע האט קיינמאל נישט געהערט פון דעם בעפאר - איז ניינצן געשטארבענע גוים געווען א גרויסע פראצענט פונעם שטעטל.

ווי אויך ביי יעדע פייער סטאנציע אין אמעריקע זענען די גוי'ישע פייערלייט געווען אויסער זיך פון די טראגעדיע און פארלאנגט מען זאל אויספארשן פונקטליך וואס דארט האט פאסירט, כדאי זיכער צו מאכן אז אזא זאך פאסירט נישט נאכאמאל.

די אויספארשער וואס האבן זיך אראפגעלאזט אויפן סצענע האבן נישט געהאט קיין שווער ארבעט צו פונאנדערשיידן ווי אזוי אזא חרבן האט פאסירט, און פונקטליך וואס דער פראבלעם איז געווען.

פשוט, די חברה האבן נישט געטון די מינימאלע זאכן וואס יעדע ציוויליזירטע פייערלעשער וואס וויל נישט שטארבן טוט, זיי האבן זיך געפירט ווי כאילו ביים טאטן אין וויינגארטן, און נישט אויסגעפאלגט קיין שום פראטאקאלן וואס זענען בעצם געשטעלט געווארן נאר זיי צו באשיצן.

אבער פארוואס טאקע האבן זיי נישט געטון וואס יעדע נארמאלער מענטש וואלט געטון?

דער ענטפער מיט וואס די אויספארשער זענען ארויסגעקומען וועט אייך מאכן שטוינען, די חברה זענען פשוט נישט אנגעקומען צו די לעקציעס, זיי האבן געהאלטן אז זיי פארשטייען אליינס וואס זיי האבן צו טון, און ווען עס איז געקומען צו אויסלערנען ווי אזוי צו שרייבן פאפירן צו בעטן נאך געצייג האבן זיי נישט געהאלטן דערביי, און טאקע דערפאר האבן זיי נישט געהאט די ריכטיגע עקוויפמענט וואס וואלט זיך אויסגעפעלט צו קענען איבערלעבן אפילו ווען זיי וואלטן זיך געטראפן אין די סכנה'דיגע לאגע וואס האט צום סוף געפירט צו זייער פייערדיגע ענדע.

אזוי זענען די זעלבסט דערקלערטע אויבער חכמים פשוט נישט אנגעקומען צו די לערנונגען און געגאנגען זיך שפילן מיט פייער בשעת'ן נישט האבן קיין אנונג וואס זיי טוען, און ס'האט זיך ליידער געענדיגט אזוי ווי ס'ענדיגט זיך ווען איינער וואס ווייסט נישט וואס ער טוט, טוט עס ווייטער.

וואס קען מען דען טון אז מען לעבט אין צייטן וואס עס ברענט פייערן פון רעכטס און לינקס? אין יארע 2025 איז בכלל נישט גרינג נישט צו ווערן פארברענט פון סיי וועלכע ברויזענדע פלאמען וואס דראען צו פארשלינגען יעדן איטליכן ברוחניות און בגשמיות.

דער עצה איז, נישט צו נאכמאכן די פייערלעשער פון אריזאנע וואס האבן געהאלטן אז זיי קענען אליינס און מען דארף זיי נישט אויסלערנען גארנישט, נאר ווען מען לערנט אויס די פראטאקאלן דאנערשטאג נאכט זאל מען זיכער מאכן צו ברענגען די אפגעמוטשעטע זעקל ביינער אינאיינעם מיט די אויערן, וואס דורכדעם וועט מען זיך קענען ראטעווען פונעם פייער.



דער געדענקמאל נאך די ניינצן פייערלעשער אין יארניעל



# מעשיות פון תפילה

## א. ז. וו

לינדען

עס איז געווען עטליכע וואכן צוריק ווען מיין גאנצע גוף האט אנגעהויבן קראצן, מ'האט גארנישט געזען אויף די הויט אבער עס איז געווען זייער אומבאקוועם.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל נישט גיין צו א דאקטאר, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זאל עס אוועקנעמען אן א שליח, און איך וועל עס מפרסם זיין אין די בלעטל.

ב"ה נאך אפאר טעג איז עס אוועק פונקט ווי ס'איז געקומען... יישר כח אייבערשטער!

## שבתי מארקוס

וויליאמסבורג

איך בין געווען אויפן וועג צו קערעסטיר צו זיין אויפן יארצייט פון הייליגן רבי ישעי'לע זי"ע.

ביים אנקומען אין לופטפעלד האב איך געזען אז איך האב נישט מיין פאספארט מיט מיר, וואס פארשטייט זיך אן דעם קען מען נישט פארן. וואס טוט מען דא?

איך האב מיך גענומען בעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נאך יא קענען פארן, אויך האב איך צוגעזאגט א מעשה פון תפילה פארן קרית ברסלב בלעטל.

גלייך איז מיר בייגעפאלן צו רופן א קאר זאל אויפפיקן מיין פאספארט פון אינדערהיים, און מיר עס אהער ברענגען. ברוך השם אז איך האב געטראפן איינער א פארלעסליכער וואס איז געווען גרייט צו טון די ארבעט פאר מיר. ער איז שנעל געגאנגען צו מיין דירה נעמען דעם פאספארט, און זיך גענומען פארן צום לופטפעלד.

איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל נאך אנקומען צייטליך, און איך זאל נישט פארשפעטיגן. שכח אייבערשטער אז ער איז אנגעקומען ממש פופצן מינוט פאר די גייט האט זיך פארמאכט, און איך בין ברוך השם געפארן קיין קערעסטיר און זיכער אויסגע'פועל'ט פאר מיר און פאר אלע רענט קאמפיין תומכים ישועות ורפואות.

# Hello Doctor, I have seasonal allergies.

BUILT ON CARE, DRIVEN BY HEART™

**With Medease, Telehealth is now a reality in our community.**
Speak with one of our experienced providers by phone, describe your symptoms, and get treatment. It's that simple.
**Schedule your same-day appointment today.**

Hello Doctor — 718.208.2030
Covered by Medicaid and most major New York insurances.

Medease
CARE AT HOME




# וָואס הָאט לַ"ג בָּעוֹמֶר מִיט מִיר?

## שאלה

**דִי וָואךְ בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אִיבֶּער לַ"ג בָּעוֹמֶר.**

**בעזהשי"ת - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחֻקּוֹתַי, י"ח אִיָּיר, לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... ני"ו

הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג - לַ"ג בָּעֹמֶר; אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ מְקֻשָּׁר זַיין מִיטְן הֵיילִיגְן תַּנָּא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען דִי לֶערְנְסְט אַ מַאֲמָר פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז דוּ בִּיסְט אִין מִירוֹן אוּן דוּ קֶענְסְט מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיפְן מִשְׁנַיוֹת. אָדֶער לֶערְן אַבִּיסְל זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוּן גִיס דִיר אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שְׁטֶעל דִיךְ פָאר ווִי דִי שְׁטֵייסְט יֶעצְט אִין דִי מַעֲרָה פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי; אַזוֹי שְׁטֵייט בְּפֵירוּשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (יִשְׂמַח לֵב, מַסֶכֶת שַׁבָּת) אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וָואס דֶער צַדִיק הָאט גֶעזָאגְט, אִיז אַזוֹי ווִי מֶען אִיז זִיךְ מִשְׁתַּטֵחַ אוֹיף דִי קֶבֶר פוּנֶעם צַדִיק.

אֵיינֶער פְרֶעגְט מִיר וָואס אִיךְ נֶעם זִיךְ אוּנְטֶער לְכָבוֹד לַ"ג בָּעֹמֶר? זָאג אִיךְ אִים, אַז אִיךְ נֶעם זִיךְ אוּנְטֶער צוּ טוּן דָאס זֶעלְבֶּע וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען צוּ טוּן, חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת לג.) אַז וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעהֶערְט פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אַז דִי גְזֵירָה אִיז שׁוֹין בָּטֵל גֶעוָוארְן, אוּן עֶר דַארְף זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן דִי רוֹמִיִּים, אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן דִי מַעֲרָה וואוּ עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט דְרַייצְן יָאר, אוּן עֶר גֶעזָאגְט: "הוֹאִיל וְאִתְרַחִישׁ נִיסָא - אֵיזִיל אַתְקִין מִילְתָא", ווִיבַּאלְד דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעמַאכְט אַ נֵס, ווִיל אִיךְ עֶפֶּעס טוּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

וַוייל דָאס זֶעט מֶען בַּיי דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת; וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן זַיין בַּאהַאלְטְן פוּן עֵשָׂו שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית לג, יח): "וַיָּבֹא יַעֲקֹב שָׁלֵם", זָאגְן חֲזַ"ל (שַׁבָּת לג:): "שָׁלֵם בְּגוּפוֹ" - עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט פוּן דִי קְלַאפּ וָואס דֶער מַלְאָךְ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, אוּן אִים גֶעמַאכְט הִינְקֶען; "שָׁלֵם בְּמָמוֹנוֹ"; "שָׁלֵם בְּתוֹרָתוֹ" - עֶר הָאט נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דִי אַלֶע יָארְן; שְׁטֵייט וַוייטֶער: "וַיִּחַן אֶת פְּנֵי הָעִיר" - עֶר הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען גוּטֶע זַאכְן, וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן הֲנָאָה הָאבְּן דֶערְפוּן עַיֵּין שָׁם.

דָאס נֶעם אִיךְ אַרוֹיס פוּן אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג; אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז עֶנְדְלִיךְ אַהֵיים גֶעקוּמֶען נָאךְ דְרַייצְן יָאר זִיצְן בַּאהַאלְטְן אִין אַ קְלֵיינֶע הֵייל, אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעסְן נָאר בָּאקְסֶער, אוּן גֶעטְרִינְקֶען נָאר וַואסֶער, אִיז עֶר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן וְכוּ' וְכוּ' זִיךְ אוֹיסְצוּרוּעֶן - נֵיין, נָאר עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען זֶען וָואס מֶען קֶען הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶער זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען נָאר טוּן בָּזֶה הָעוֹלָם - מְזַכֶּה זַיין נָאךְ אַ אִיד צוּ לֶערְנֶען; זֶען אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט; נָאךְ אַ מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן בָּזֶה הָעוֹלָם.

דערפאַר בעט איך דיר מיין טייערער ...., שטאַרק זיך און קוק נישט אויף קיינעם אויף דער וועלט, און גיי אַביסל הַפָּצָה.

איך ווייס אַז עס איז דיר שווער, אָבער טראַכט אַ מינוט: 'ווען דו וואָלסט נישט געוואוסט פון רבי'ן, נאָר דו וואָלסט ווען געווען אַ איינגערמאַן וואָס ווייסט נישט אַז מען קען לעבן אַ חַיִּים טוֹבִים וּנְעִימִים מיט אֱמוּנָה וְכוּ' וְכוּ', וואָלסטו נישט געוואָלט אַז איינער זאָל קומען צו דיר און דיר געבן אַ סידי, אַ סֵפֶר, אַ קוּנְטְרֵס; אָדער כאַטשיג אַ קאַרטל מיט אַ נאָמבער וואו מען קען הערן חיזוק?! וואָלסטו נישט געוואָלט אַז איינער זאָל אַריין קלאַפן צו דיר אין שטוב ווען דו זיצט מָרָה שְׁחוֹרָה'דיג אויף דיין קאָוטש - און דו טראַכסט נאָר פון געלט; פון מַחֲלֹקֶת; און נאָר פון כָּבוֹד וְכַדוֹמֶה - אַז איינער זאָל דיר אָנְכאַפּן אין דיר זאָגן: **ברודער, עס איז נישט עק וועלט, מיר האָבן אַ גרויסער באַשעפער?!'.**

אויב אַזוי פאַרוואָס זאָלסטו דאָס נישט טון פאַר אַ צווייטער איד וואָס ווייסט נישט פון די עֵצוֹת און הִתְחַזְּקוּת וואָס דער רבי לערנט מיט אונז?! דו קענסט זיך נישט פאָרשטעלן וואָס עס גייט איבער אויף אידישע קינדער - צָרוֹת יָגוֹן וַאֲנָחָה, יעדע שטוב איז צעבראָכן אויף פּיצ-פּיצלעך, דאָ קריגט מען זיך; דאָ ווערט מען געוואויר אַז איינער ליידט אויף די ביטערע מַחֲלָה; דאָ זעט מען ווי דער בָּחוּר הייבט אָן גיין צו שלעכטע חֲבֵרִים און ווי מער מען רעדט צו אים אַז ער זאָל אַכטונג געבן, וויל ער נישט פאָלגן; דאָ איז אַ מיידל אַראָפּ פון וועג; און אֲפִילוּ ביי מִשְׁפָּחוֹת וואָס אַלעס קלאַפּט שוין יאָ, און מען קריגט זיך נישט, מען האָט פַּרְנָסָה, און מען האָט נַחַת, איז אָבער דאָ אינערליכע יִסּוּרִים וואָס דאָס איז אַסאַך שטערקערע יִסּוּרִים פון יִסּוּרֵי הַגּוּף - אַז דער מֹחַ איז נישט רואיג. איך זאָג דיר נישט סְתָּם מַעֲשִׂיּוֹת, פּרויען שרייבן מיר בריוו אַז זיי גייען אַריבער יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ - אינערליכע פּיין, וואָס מען שפּירט ווי דער גאַנצער קאָפּ שאָקלט זיך פון אינעווייניג רַחֲמָנָא לִצְלָן, דו זאָלסט קיינמאָל נישט פאַרשטיין וואָס דאָס איז.

מוֹהֲרַאֲ"שׁ שרייבט אַז דער איינציגסטער רְפוּאָה פאַר יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ איז אֱמוּנָה - מען זאָל חַזֶּר'ן און חַזֶּר'ן אַז קיינער קען מיר גאָרנישט טון, און אַלעס איז דער איבערשטער. און ווען דו גייסט הֲפָּצָה און דו געבסט אַ קוּנְטְרֵס וְכוּ', געבסטו לעבן פאַר אַ מענטש - פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ.



פרעג זיך אַליין: וואָס האָסטו מיט ל"ג בָּעֹמֶר? וואָס נעמסטו זיך אונטער אין אַזאַ הייליגע טאָג? איך האָף אַז דו פאַרשטייסט וואָס איך שרייב דיר, און דו וועסט האָבן אַ חֵלֶק און די גרויסע מִצְוָה פון צוריק ברענגען אידישע קינדער צום איבערשטן.

מען קען קראַנק ווערן פון די אַלע מענטשן וואָס שרייבן: **"ווילט איר האָבן שַׁיְיכוּת מיט רבי שִׁמְעוֹן? רופט שוין אַריין מיט אַ קרעדיט קאַרד"**; נאַרָנִים און טִפְּשִׁים, וואָס גייט פאַר מיט אידישע קינדער?! מען הערט נישט אויף, יעדע צוויי מינוט באַקומט מען אַ טעלעפאָן רוף אין שטוב: "ר' איד, זענט איר נישט היי יאָר אין מִירוֹן, און איר ווילט האָבן שַׁיְיכוּת מיט רבי שִׁמְעוֹן? רופט שוין אַריין, און געבט געלט פאַר הוידל בוידל", ווען איך הער דאָס, טראַכט איך: זיי גייען זיכער זאָגן: "ר' איד זענט איר נישט אין מִירוֹן, און איר ווילט האָבן שַׁיְיכוּת מיט רבי שִׁמְעוֹן? הייבט אָן אַ שִׁיעוּר אין זוֹהַר"; אַזוי האָט מען שַׁיְיכוּת מיט רבי שִׁמְעוֹן, נישט אַז מען רופט אַריין מיט אַ קרעדיט קאַרד צו פְּלוֹנִי אַלְמוֹנִי.

אָדער אַ צווייטע קאָמפּעני מאַכט מאַרקעטינג, און זיי רופן אָן מיט דעם לָשׁוֹן: "ר' איד איר זענט שוין נישט אַליין, ווייל ... איז מיט אייך"; וואָס? ווען? ווי? ווער איז מיט אייך? נאָר דער איבערשטער. ווען איך הער די טעלעפאָן רוף, טראַכט איך 'זיכער גייט עס זאָגן: "ר' איד, איר זענט מער נישט אַליין, דער איבערשטער איז מיט דיר, רעד צום איבערשטער".

איך בעט דיך, זיי נישט קיין בְּהֵמָה וואָס ווען מען קומט איר מעלקן שטייט זי און קוקט אין פָּנִים אַריין מיט צוויי גרויסע קעלבערנע אויגן, און ביז דערווייל שטייט איינער און מעלקט מילך פון איר; אַזאַ פָּנִים האָבן מענטשן וואָס שטייען און קוקן אויף זייערע מַנְהִיגִים וואָס קענען גאָרנישט געבן, נאָר מעלקן און מעלקן וְכוּ' וְכוּ', און מען שטייט און מען קוקט אַזוי ווי אַ קוּה קוקט.

מאַך דיר אַ אייגענע מאַרקעטינג, און זאָג דיר: **"ר' איד, זענט איר נישט אין מִירוֹן? איר קענט יעצט זיין אין מִירוֹן אָן קיין קרעדיט קאַרד; נעמט אַ מִשְׁנָיוֹת און זאָגט מַאֲמָרִים פון רבי שִׁמְעוֹן; נעמט אַ זוֹהַר און הייבט אָן כְּסִדְרָן יעדן טאָג אַפּאָר שִׁירוֹת".**

איך וואַרט צו הערן פון דיר וואָס דו נעמסט אויף דיר לְכָבוֹד ל"ג בָּעֹמֶר.

*עצתו אמונה פרשת בהר-בחוקותי תשע"ג*

# געדאנקען

# די נערוון-פיל פאר כעס-אויסברוכן

איך האב נאכגעהערט גאר שיינע זאכן פון שבת קודש פרשת תזריע מצורע מיטן ראש ישיבה שליט"א, עטליכע איינוואוינער פון קרית ברסלב זענען געווען אין וויליאמסבורג און דערציילט שיינס.

איינס פון די אינטרעסאנטע זאכן וואס האט מיך שטארק געכאפט איז א קליינטשיג עפיזאדעלע, אז מ'האט געטאנצן מיט די ניגון "לקדש שם שמים" און א בר מצוה בחור האט געפרעגט וואס איז דער ניגון?

איך הער.

וואס איז דער ניגון.

זאג עס נאכאמאל?

וואס איז דער ניגון.

א יעדע סינגל פון יעדן גיטאר-קראצער און פערקאשן-באכענער איז וואויל באקאנט ביי די אינגווארג, אבער די "לקדש שם שמים" ניגון פרעגט ער וואס איז דער ניגון?

מוהרא"ש שרייבט אין עטליכע פלעצער אז ווער ווייסט ווען נישט די מוחים וואס פלעגן ארויסגיין שרייען קעגן די חילול שבת בפרהסיא און אנדערע תועבות פון די ממשלת הכופרים, ווען נישט די מחאות, מיט וויפל ערגער וואלט געווען זייער עקירת הדת.

פאר זיינע תלמידים פלעגט מוהרא"ש עצה'נען אז מ'דארף זיך אכטונג געבן בנוגע די מערדערליכע הפגנות, די שונאי הדת פאליציאנטן קענען געבן מכות רצח און דערמערדערן א מענטש



אזוי ווי איינער צוקוועטשט א פליג אויפן וואנט, פון רוצחים דארף מען זיך היטן, האט מוהרא"ש געזאגט אין אשר בנחל איז דא א בריוו צו איינעם וואס דרוקט זיך אויס עפעס נישט אזוי איינשטימיג מיט די מוחים וואס שרייען "שבת" אין ירושלים און אין אנדערע ערטער, מוהרא"ש געבט אים מנה אחת אפיים, מאך נישט אוועק מענטשן וואס געבן זיך אוועק במסירת נפש מוחה צו זיין קעגן די עוקרי הדת.

די ניגון "לקדש שם שמים" פלעגט ווערן געזינגען ביי אלע מחאות קעגן די ממשלת הכופרים.

די ניגון הייבט זיך אן מיט די ווערטער ה' הוא מלכינו ולו אנחנו עבדים, התורה הקדושה הוא חיינו ולה אנחנו משועבדים. נאכדעם גייט די ווערטער בשלטון הכופרים אין אנו מאמינים ובחוקותיהם אין אנו מתחשבים. און די דריטע פאל (אין די עולם המוזיק איז עס די PUNCH LINE) בדרך התורה נלך באש ובמים "לקדש שם שמים".

די ניגון "לקדש שם שמים" איז האלב ענדליך צו איינס פון די "קאראנע" ניגונים וואס דער ראש ישיבה האט ארויסגעגעבן בתקופת הקאראנע בשנת תש"פ. די ערשטע האלב ניגון איז גאנץ ענדליך, און די צווייטע האלב ניגון איז ממש די זעלבע, אזוי ווי ס'וואלט געווען איין ניגון.

מ'רעדט פון די ניגון וואס הייבט זיך אן מיט דיווארט "קאראנע" און די פזמון איז אזוי אז דארט וואו ס'איז געגאנגען "לקדש שם שמים" האט דער ראש ישיבה געזינגען "מ'דארף נאר רעדן צום באשעפער" און "ס'גייט שוין אוועק גיין די קאראנע".

וואס איז פשט אז היינט ווייסט

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

נישט יעדער פון דעם ניגון אזוי ווי יארן צוריק?

אין יעדן דור איז דא א יצר הרע וואס וויל חרוב מאכן גאנץ כלל ישראל און יעדן יחיד עקסטער (ס'איז צוויי אנדערע זאכן, צוויי אנדערע מלחמות, מיט אנדערע תכסיסי מלחמה, די מלחמה פון גאנץ כלל ישראל און די מלחמה פון יצר הרע אויף יעדן יחיד איז צוויי אנדערע וועלטן, איבער דעם אן אנדערן מאל בע"ה). און אין יעדן דור מאכט דער גרויסער באשעפער אז ס'זאל זיין גענעראלן און מלומדי מלחמה וואס געבן אוועק זייער בלוט און זענען זיך מוסר נפש אז נאך א איד זאל געראטעוועט ווערן פון פאלן אין די מלחמה.

נאכ'ן צווייטן וועלט קריג איז געווען די סכנה פון וועלן מיטגיין מיט די שונאי הדת אויפצושטעלן אן אזוי גערופענע "אידישע" מדינה, אין יענע תקופה האבן זיך ארומגעדרייט מיליאנען אידן וואס מ'האט אויסגע'הרג'עט זייער טאטע מאמע ברודער שוועסטער ווייב און קינדער. די נסיון איז דעמאלטס געווען צו טראכטן אז די "מדינה" וואס די שונאי הדת שטעלן אויף זאל דארפן צו הייסן א גאראנטי עס זאל זיך נישט חלילה איבער'חזר'ן נאך א אוישוויץ, השם ישמרינו.

צדיקים האבן געשריגן אז מיט שונאי הדת קען מען נישט גיין, זאל זיין וואס זאל זיין. מענטשן האבן זיך געוואונדערט, וואס קען שוין פאסירן?! וואס איז דא די מאללער?! איך מוז דאך נישט עסן טריפות אזוי ווי ער! סך הכל ברענגט ער עראפלאנען און טאנקען און וויל באשיצן דעם עולם פון אטאקעס! וואס איז דא די שרייעריי, האבן קליינקעפלדיגע מענטשן געשריגן דעמאלטס, וואס דארף מען האקן קעגן די עוקרי הדת? איך מוז דאך נישט מחלל שבת זיין

> סך הכל ברענגט ער עראפלאנען און טאנקען און וויל באשיצן דעם עולם פון אטאקעס! וואס דארף מען האקן קעגן די עוקרי הדת? איך מוז דאך נישט מחלל שבת זיין ווי ער?!

ווי ער?! אבער פארוואס נישט זיין מיט זיי אין די "הגנה" (רחמנא ליצלן).

היינט קען מען נישט פארשטיין די נסיון פון דעמאלטס, פונקט ווי מ'האט נישט געקענט דעמאלטס פארשטיין אז ס'גייט זיין אינטערנעט.

הכלל, דעמאלטס האט מען געדארפט הארכן ערליכע אידן, און היינט דארף מען הארכן ערליכע אידן, די וואס האבן דענסטמאל געהארכט די ערליכע אידן האבן איבערגעלאזט שיינע דורות, און די וואס זענען געווען איבער חכמים און פארשטאנען בעסער ווי די ערליכע אידן און יא געשיקט די קינדער אין "הגנה", ווייסט שוין היינט יעדער וואס איז געווארן.

ערליכע אידן זענען פאראויס, ערליכע אידן שטעלן צו געווער, כלי מלחמה, צו קענען מלחמה האלטן מיטן יצר הרע פון די איצטיגע צייט. עס שטייט בפירוש אין ספר הקדוש ויואל משה (חלק ב' סימן ק"ן) אז דער רבי האט פאראויסגעזען וואס וועט זיין מיט אונז בעיקבתא דמשיחא, אז ס'וועט אויסזען ווי אלעס צופאלט חס ושלום, און די גאנצע מלכות שמים וועט זיך האלטן נאר דורך פשוטי עם וואס זאגן תהלים בפשיטות.

דארפן מיר נישט זיין קיין איבער חכמים, אז צדיקים הייסן אונז זיין פון די פשוטי עם וואס זאגן תהלים בפשיטות, דארפן מיר דאס טון. אז צדיקים הייסן אונז רעדן צום באשעפער אזוי ווי מ'רעדט צו א גוטן פריינד דארפן מיר דאס טון, און לכל הפחות בעטן אויף דעם "הייליגער באשעפער העלף איך זאל רעדן צו דיר ווי מ'רעדט צו א גוטן פריינד, הייליגער באשעפער העלף אז זאל דיר דערציילן אלעס וואס דרוקט מיר, הייליגער באשעפער העלף איך זאל ענדזשויען צו שמועסן מיט דיר אזוי ווי מען אינדזשויעט א גוט מאכל, א געשמאקע נסיעה, א גוטע געשמאקע סעודה מיט חברים מיט גוטע מוזיק. הייליגער באשעפער העלף אז שמועסן מיט דיר זאל זיין מיין גרעסטע הנאה, איך זאל דאס קענען טון פאר א שעה און צוויי שעה".

אז צדיקים זאגן אז זאגן משניות איז די תרופה פאר לאנגווייליגקייט דארפן מיר דאס טון, אז צדיקים זאגן אז זאגן משניות איז די נערוון-פיל פאר כעס-אויסברוכן און שלום-בית-וויכוחים און פראסקענען קינדער ווי א MANIAC, איז, לאמיר נישט זיין קיין איבער חכמים, די רייד פון צדיקים איז ווארהאפטיג און שטאנדפעסט, צדיקים'ס רייד קומט מיט א פולע גאראנטיע, צדיקים'ס רייד טוט די פעולה, עס נעמט צייט אבער די רעזולטאטן זענען זיכער.



# א מעשה
## פון א צדיק

# גֶעבִּינְדְן אִין קֵייטְן

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק הָרַב רֶבִּי יַעֲקֹב פוּן לִיסָא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, מְחַבֵּר סֵפֶר נְתִיבוֹת הַמִּשְׁפָּט אוֹיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ חֹשֶׁן מִשְׁפָּט. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען אַן אַלְמָנָה, אוּן זִי הָאט גֶעהַאט אַ כַּלָּה אִין שְׁטוּבּ.

דִי אַלְמָנָה אוּן דִי כַּלָּה זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן קְלֵיידֶער אוּן צִירוּנְג מִיט אַ גוֹי'אִישֶׁער בַּעַל עֲגָלָה.

אִינְמִיטְן וֶועג אִיז דֶער גוֹי אַרַיינְגֶעפָארְן אִין אַ גֶעדֶעכְטֶער וַואלְד, עֶר אִיז אַרַיין טִיפֶער אוּן טִיפֶער, בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פַארְלָאזְטֶער הוֹיז וָואס דָארְטְן זֶענֶען גֶעזֶעצֶען אַפָּאר גוֹי'אִישֶׁע שִׁיכּוֹרִים. דֶער גוֹי דֶער בַּעַל עֲגָלָה אִיז אַרַיין דָארְט אוּן רוּפְט זִיךְ אָן צוּ דִי שִׁיכּוֹרִים: "אִיךְ הָאבּ דָא אִינְדְרוֹיסְן צְוֵויי פְרוֹיעֶן עֲשִׁירִים" דִי שִׁיכּוֹרִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט, זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען נֶעמֶען דִי צְוֵויי פְרוֹיעֶן (דִי אַלְמָנָה מִיט דִי כַּלָּה), זֵיי צוּגֶעבִּינְדְן אוּן צוּגֶענוּמֶען זֵייעֶרֶע גֶעלְט, אוּן עֶס גֶעלֵייגְט אוֹיפְן טִישׁ. זֵיי הָאבְּן אַרוֹיס גֶענוּמֶען אַ מֶעסֶער צוּ הַרְגֶ'ענֶען דִי פְרוֹיעֶן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן. דִי אַלְמָנָה מִיט דִי כַּלָּה הָאבְּן שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זֵיי אַרוֹיסְרַאטֶעוֶוען פוּן דָא לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט. אִינְצְוִוישְׁן אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע קְרִיגֶערֵיי צְוִוישְׁן דִי גוֹיִם וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט צוּטֵיילְן דִי גֶעלְט, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעהַאלְטְן אַז אִים קוּמְט אַ גְרֶעסֶערֶע חֵלֶק.

דֶערְוַוייל זֶענֶען דִי צְוֵויי פְרוֹיעֶן גֶעלֶעגְן אוֹיפְן עֶרְד אוּן גֶעטְרֵייסֶעלְט פוּן גְרוֹיס פַּחַד, זֵיי הָאבְּן שְׁטַארְק גֶעוֵוייְנְט אוּן זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן מֶען זָאל זֵיי אָפְּלָאזְן, אָבֶּער זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען גֶעפַאלְן אוֹיף טוֹיבֶּע אוֹיעֶרְן, דִי גוֹיִם הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן "דָאס אִיז עֶס, מֶען גֵייט אַייךְ שׁוֹין הַרְגֶ'ענֶען". אָבֶּער בִּיז וָואס וֶוען זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעוָוארְן פַארְנוּמֶען מִיט זֵייעֶר קְרִיגֶערֵיי.

פְלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִינְדְרוֹיסְן פוּנֶעם הַייזְקֶעלֶע אַ וָואגְן אוּן עֶס קוּמְט אַרָאפּ אַ גֶענֶעַראל מִיט וָואפְן אוֹיף זִיךְ. וִוי נָאר דִי שִׁיכּוֹרִים הָאבְּן אִים גֶעזֶען זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָאפְן פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן, יֶעדֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן צוּ וֶוערְן בַּאשִׁיצְט - אִיבֶּערְלָאזְנְדִיג דִי גֶעלְט אוֹיפְן טִישׁ.

דֶער גֶענֶעַראל אִיז אַרַיין אִינֶעם שְׁטוּבּ אוּן גֶעזֶען דִי מַצָּב, גְלַייךְ הָאט עֶר אוֹיפְגֶעבִּינְדְן דִי צְוֵויי פְרוֹיעֶן אוּן זֵיי צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי גֶעלְט, אוּן הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "קוּמְט אִין מַיין וָואגְן, אִיךְ וֶועל אַייךְ אַהֵיים טְרָאגְן".

זֵיי זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעקוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אַהֵיים, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט, אוּן אֲפִילוּ דִי גֶעלְט הָאבְּן זֵיי צוּרִיקְבַּאקוּמֶען.

יֶענֶע נַאכְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל נְתִיבוֹת הַמִּשְׁפָּט גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ זַיין טָאכְטֶער דִי אַלְמָנָה אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט עֶנְק צוּ רַאטֶעוֶוען, וַוייל עֶנְק הָאבְּן עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אִיסוּר יִחוּד - עֶטְס זֶענְטְס גֶעוֶוען אַלֵיין מִיט אַ גוֹי, בִּין אִיךְ אַרוֹיף אִין הִימְל אוּן גֶעזֶען אַז מֶען הָאט אוֹיף אַייךְ גֶע'פַּסְקְ'נְט מִיתָה רח"ל, אִיךְ הָאבּ מִיר אַיינְגֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל עֶנְק נִישְׁט הַרְגֶענֶען, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט מְוַתֵּר זַיין. בִּין אִיךְ אַרוֹיף צוּ אַ גְרֶעסֶערֶע הֵיכַל אוּן אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעוֵויינְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט נָאכְגֶעבְּן. בִּין אִיךְ אַרוֹיף צוּ נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע הֵיכַל אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן אוּן גֶעזָאגְט "אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק אַלֶע מַיינֶע חִידּוּשִׁים פַאר אַ מַתָּנָה, אָבֶּער מֶען זָאל אַנְשְׁטָאט דֶעם רַאטֶעוֶוען מַיין טָאכְטֶער אוּן אֵיינִיקְל פוּן וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'עֶט" וֶוען אִיךְ דָאס גֶעזָאגְט הָאבּ אִיךְ גֶעפּוֹעֵלְט, אוּן דֶער גֶענֶעַראל וָואס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִיז גֶעוֶוען אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אַלֵיין.



זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַ אִיסוּר יִחוּד, אוּן אוֹיךְ זֶעט מֶען אַז צַדִּיקִים זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר אַ צְוֵוייטְן, זֵיי זֶענֶען גְרֵייט אַלֶעס אַוֶועקְצוּגֶעבְּן פוּן זִיךְ, אַבִּי צוּ רַאטֶעוֶוען אַ אִידִישׁ קִינְד.

**(שיחות מוהרא"ש חלק יב' ערך יחוד)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

ק"ז

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֵוילְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער.**
**יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוֵוילְט אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן אוֹיךְ רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבְּלִיבְּן דָארְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.**
**דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן אַז פֶּסַח בַּיינַאכְט הָאט עֶר גֶעפִירְט דֶעם סֵדֶר נָאר מִיט זַיין פַאמִילְיֶע, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם גֶעסְט בַּיים סֵדֶר, צוּ מְקַיֵים זַיין כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ יָאר דֶעם "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ" (דְבָרִים ט"ז, י"ד).**

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיטְ'ן גַאנְצְן מִנְיָן אִינֶעם אִינֶעוֵוינִיגְסְטְן שְׁטוּבּ, אוּן אִינֶעם דְרוֹיסְנְדִיגְן שְׁטוּבּ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן בַּיים סֵדֶר טִישׁ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן בֶּענְטְשְׁט הַלֵל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וואוֹיל אִיז פַאר דִי מַאמֶע וָואס הָאט אַזַא זוּן!"

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען, הָאט עֶר גֶעמוּזְט אַרִיבֶּערְגֵיין דוּרְךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ, אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיצְן בַּיים סֵדֶר טִישׁ. רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה' גֶעוֶוען מִיט דֶעם, אַז עֶר הָאט כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל אִין לֶעבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען דֶעם רֶבִּי'ן זִיצְן בַּיים סֵדֶר.

וַוייל אִין אַנְדֶערֶע יָארְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין פֶּסַח בַּיינַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן צוּלִיבּ דִי פִילֶע מְנִיעוֹת, אוּן יֶעצְט אִיז עֶר מְמֵילָא גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף פֶּסַח.

טֵייל זָאגְן אַז רֶבִּי נָתָן אִיז דֶעמָאלְט גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא אָפְּצוּרֶעכְטְן דֶעם סֵדֶר, אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעאַיילְט אוּן אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען וַוארְטְן בַּיים טִיר פוּן רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען מְ'הָאט גֶעעֶפְנְט דִי טִיר צוּ "שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ", אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן דָארְט זִיצְן בִּיז נָאכְ'ן סֵדֶר.

נָאךְ פֶּסַח אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים בַּאדִינְט אוֹיפְ'ן גַאנְצְן וֶועג, אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט דֶעמָאלְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַסַאךְ דִבְרֵי תּוֹרָה אוּן שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן, סְפֶּעצִיעֶל דִי גָאר שְׁטַארְקֶע דִבְרֵי חִיזוּק וָואס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק ב, סִימָן מ"ח), וִוי אַזוֹי מְ'דַארְף זַיין גָאר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד שְׁפִּירְט אַז מְ'אִיז אִים מְרַחֵק, מְ'דַארְף אִים נִישְׁט הָאבְּן, וִוי מֶער עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אַלְץ מֶער שְׁטוּפְּט מֶען אִים אַוֶועק, דַארְף מֶען זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וִוי מְ'קֶען זֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִינֶעוֵוינִיג

דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס, "אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיף אַ שְׁמָאל בְּרִיקְל, נָאר דֶער עִיקָר זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן".

אִינְמִיטְן וֶועג צוּרִיק הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין שְׁטָאט לִינִיץ, אוּן זֶענֶען אַרַיין אִין הוֹיז פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי גְדַלְיָ' מִלִינִיץ זי"ע, אוּן דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעפָארְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן הָאבְּן דָארְט גֶעדַאוֶוענְט הוֹיךְ אוּן שְׁטַארְק מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת, סְפֶּעצִיעֶל רֶבִּי נָתָן.

דֶער צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי גְדַלְיָ' זי"ע הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "וֶוען מְ'גֵייט אַרַיין צוּ אַ קֶענִיג, גֵייט מֶען דָאךְ אַרַיין מִיט אַ שְׁטִילְקֵייט אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ הַאלְט פוּן דִי אַמָאלִיגֶע חֲסִידִים, וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען מִיט דֶעם פַארְשְׁמָאלְצֶענֶעם אַרְבְּל אִין הֵיכַל הַמֶּלֶךְ אַרַיין".

זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן דָארְט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִשְׁלֵי ד', י"ח) "וְאֹרַח צַדִּיקִים כְּאוֹר נֹגַהּ הוֹלֵךְ וָאוֹר עַד נְכוֹן הַיּוֹם" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קל"ג).

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

ישראל דוד העסקעל

חלק ב'

# כאַפּ מיין אויג

## א בליק אריין אינעם וועלט פון מארקעטינג

אין די פאריגע ארטיקל האבן מיר געמאכט א שטיקל הקדמה צו די וועלט פון ברענדינג - לאגאס, אין די דאזיגע ארטיקל וועלן מיר בעזהשי"ת אויסשמועסן די אנדערע חלקים וואס נעמט אריין מארקעטינג, עדווערטייזינג און גרעפיק דיזיין.

דיווארט גרעפיק דיזיין איז א שם כללי פאר סיי וועלכע אר"ט אדער דיזיין עס ווערט געמאכט אויפן קאמפיוטער. די ווארט גרעפיק דיזיין איז בכלל נישט געבינדן צו מארקעטינג און אדווערטייזינג, ס'איז א שליסל וואס דער וואס טוט מארקעטינג און עדווערטייזינג ווערט על פי רוב נוצן.

מארקעטינג איז א שם כללי פאר דעם וואס זיין קאמפאני זוכט זיך ארויסצושטעלן און פארקויפן פאר זיין קלייענטעל זיין פראדוקט.

אויב וועסטו פארקויפן סיי וועלכע פראדוקט אדער פראדוצירן סיי וועלכע פראדוקט אדער געבן סיי וואס פאר א סערוויס, אויב גייסטו נישט זאגן פאר קיינעם ווענגן דאס וואס דו טוסט, גייען מענטשן עס נישט וויסן...

דעריבער טוט א ביזנעס זיך "מארקעטן" וואס דאס מיינט, מודיע זיין פאר די מענטשהייט 'איך בין פלוני און איך אפפער דעם און דעם סערוויס אדער פראדוקט'.

מהלכים פון זיך מארקעטן איז דא צענדליגע מהלכים, איך וועל דא קודם אויסשמועסן עטליכע מהלכים בעפאר מיר קומען צו צו עדווערטייזינג.

צום ביישפיל, אויב פארמאגט איר א געשעפט אינמיטן שטאט וואס דארט האט איר א טאוול וואס שטייט וואס איר פארקויפט, אדער איר האט א פענסטער ביים געשעפט וואס איר קענט דארט אויסלייגן אייערע פראדוקטן, איז דאס אן אופן פון זיך מארקעטן.

ווי אויך אויב זענט איר א פלאמבער און איר ווערט ארייינלייגן אייער נומער אינעם טעלעפאן ביכל אונטער די פלאמבערס אפטיילונג, איז דאס אויך א וועג פון זיך מארקעטן.

מארקעטינג איז עפעס אויף וואס יעדע קאמפאני לייגט א דגוש, כדי מ'זאל וויסן אז דו עקזיסטירסט. וועו דו שטייסט אין די קאווע צימער אין בית המדרש און דו פארציילסט אז דו ביסט געווארן אן עלעקטרישן, האסטו זיך יעצט געמארקעט... אין איין ווארט מיינט מארקעטינג - מודיע זיין פאר מענטשן אז דו עקזיסטירסט.

זייער אסאך ביזנעסער זאגן אז זיי מארקעטן זיך נישט, זיי האלטן נישט פון מארקעטינג, נאר וואס דען, זיי בעטן דעם אייבערשטן און געבן גוטע קאסטומער סערוויס און דער אייבערשטער העלפט אז פון מויל צו אויער קומט שוין נאך א קאסטומער און נאך א קאסטומער, און מ'מאכט בעזהשי"ת שיין פרנסה.

אבער על פי האמת איז דאס אויך מארקעטינג... דו מארקעטסט דיך מיט גוטע קאסטומער סערוויס, און דו בעטסט דעם אייבערשטן אז איין קאסטומער זאל ברענגען די צווייטע.

דער ראש ישיבה האט עטליכע מאל געזאגט אז געבן גוטע קאסטומער סערוויס און בעטן דעם אייבערשטן דאס איז די בעסטע וועג פון מארקעטינג.

דערנאך איז דא עדווערטייזינג וואס איז א שליסל אין מארקעטינג, פונקט ווי גרעפיקס איז א שליסל אין עדווערטייזינג...

דאס מיינט אז די מערסט אנגענומענע און גרינגסטע וועג פון זיך מארקעטן - ארויסקומען פאר די גאס און מודיע זיין וואס דו האסט צו פארקויפן, איז דורך עדווערטייזינג, וואס דאס אליין איז צושפליטערט אויף צענדליגע סארט וועגן וואס מ'קען זיך אלס עדווערטייזן.

אבער לאמיר יעצט דא פאקוסירן אויף די דריי מערסט באקאנטע וועגן פון די עדווערטייזן ביי אונז היימישע אידן, און מיט צייט וועלן מיר בעזהשי"ת אנקומען אויסצושמועסן נאך אינטערעסאנטע וועגן וואס מ'קען זיך עדווערטייזן.

די ערשטע און עלטסטע וועג פון מאדערנע עדווערטייזינג איז צו לייגן א רעקלאמע אין די צייטונג. הגם ביי די אומות העולם האט שוין די וועג כמעט אויסגעוועפט, ווייל די גוים ליגן אלע אין טעלעוויזיע און אין סאציאלע מידיע, ממילא וועלן די קאמפאניס טאקע לייגן זייערע עדס דארט ווי די אויגן ליגן - אויפן סקרין...

אבער ביי ערליכע אידישע קינדער וואס גייען נאך צדיקים איז נישט דא אינדערהיים קיין שום סקרינס און קיין טעלעוויזיע, פארדעם איז די פארצייטישע געדרוקטע רעקלאמעס נאך זייער פאפולער ביי אונז היימישע אידן.

דערנאך איז דא אודיאו עדס. דאס טייטש עדס וואס מ'קען נאר הערן, א שטייגער ווי די עדס אויף קול ברסלב. לעצטנס איז געווען די גאר אויפגעכאפטע עד פון די מוסדות היכל הקודש אין ארץ ישראל מיט די געשמאקע ניגון, דאס איז אן אודיאו עד, און די סארט עדס וועלן טאקע בעיקר געשפילט ווערן אויף האטליינס וכדומה.

דערנאך איז דא ווידיאו עדס, וואס הגם ביי די אומות העולם איז דאס היינט די עיקר וועג פון עדווערטייזן, איז עס אבער ביי אונז היימישע אידן נישט אזוי אויפגעכאפט, ווייל א גרויסע חלק ערליכע היימישע אידן האבן נישט קיין צוטריט צו ווידיאו, ווערט זיך על פי רוב נישט לוינען צו אינוועסטירן צופיל אין ווידיאו עדווערטייזינג.

קומען מיר צוריק צו פרינט עדווערטייזינג וואס דאס מיינט אן אפגעדרוקטע רעקלאמע אויף א צעטל וואס איז היינט די מערסטע פאפולערע וועג פון זיך מארקעטן ביי אונז היימישע אידן.



אנשטאט אנהייבן צו געבן א גאנצע דרשה איבער די מעלות פונעם וואקיום קלינער און ווי וויכטיג און גוט דאס איז, האט ער קיין ווארט נישט ארויסגעזאגט פון מויל נאר ער האט געכאפט א פעקל שטויב און עס געגעבן א גיס אויס ביי יענעם אינדערהיים, און בשעת יענער רעגט זיך נעמט ער אפיר דעם מאשינדל דעם וואקיום קלינער, און רייניגט אויף די גאנצע שמוץ וואס ער האט נארוואס געמאכט, בשעת דער מענטש שטייט דארט געפלעפט מיט אן אפענע מויל!

יעצט לאמיר זיך נעמען גריבלען א טראפ טיפער...

וואס מיינט ארויסלייגן א רעקלאמע? ווי אזוי מאך איך אז דער מענטש וואס זוכט מיין סערוויס זאל וויסן אז איך טו די סערוויס און ער זאל מיך קלינגען ווען ער דארף עס?

צו דעם דארף מען וויסן אז אן עד דינט די זעלבע ווי א סעילסמאן. פאר עטליכע צענדליגע יאר צוריק איז געווען זייער פאפולער דאס אז סעילסלייט פלעגן ארומגיין פון טיר צו טיר ביי הייזער און פרובירן צו פארקויפן פראדוקטן אדער סערוויסעס.

ס'זענען געווען די גראדע סעילסלייט וואס פלעגן אריינקלאפן ביים מענטש אינדערהיים און וועלן פארקויפן לאמיר זאגן א וואקיום קלינער, פלעגן זיי אויסרעכענען די פילע מעלות וואס די מאשין פארמאגט, ווי אזוי עס וועט אייך גרינגער מאכן דאס לעבן, און אייך געבן אן איינמאליגע ספעציעלע פרייז... און אויב ביסטו געווען אינטערעסירט אינעם פראדוקט האסטו עס געקויפט און אויב נישט איז דער סעילסמאן זיך געגאנגען צום נעקסטן טיר פרובירן זיין מזל...

דערנאך איז געקומען א צווייטער גאר פיפיגער סעילסמאן, ער האט אנגעקלאפט אינעם טיר און אזוי ווי דער מענטש האט געעפנט די טיר, אנשטאט אנהייבן צו געבן א גאנצע דרשה איבער די מעלות פונעם וואקיום קלינער און ווי וויכטיג און גוט דאס איז, האט ער קיין ווארט נישט ארויסגעזאגט פון מויל נאר ער האט געכאפט א פעקל שטויב און עס געגעבן א גיס אויס ביי יענעם אינדערהיים, און בשעת יענער רעגט זיך נעמט ער אפיר דעם מאשינדל דעם וואקיום קלינער, און רייניגט אויף די גאנצע שמוץ וואס ער האט נארוואס געמאכט, בשעת דער מענטש שטייט דארט געפלעפט מיט אן אפענע מויל!

פארשטייט זיך אז דער צווייטער סעילסמאן האט געהאט פיל מער הצלחה פון דעם ערשטן, ווייל ער האט געטראפן א מיטל צו ווייזן דעם מענטש, נישט קוק וואס איך האב ס'איז אזוי גוט, נאר קוק אויף דעם דו מוזט עס האבן!

אין די היינטיגע טעג וועלן רעקלאמעס דינען דאס וואס די סעילסלייט האבן דעמאלט געדינט. ווען דו קומסט ארויס מיט א נייע סערוויס אדער פראדוקט קענסטו אדער פארציילן א לאנגע מגילה פארוואס דער פראדוקט איז א גוטע פראדוקט, און אפשר וועט עס איינער ליינען, אפשר נישט, און נאכדעם ווערסטו נאך דארפן רחמי שמים אז דער וואס האט שוין געליינט דיין רעקלאמע זאל יעצט אויפהייבן דעם טרייבל צו וועלן באשטעלן דיין סערוויס אדער פראדוקט.

און דא קומען מיר צו צו קריעטיוו אדווערטייזינג וואס מיר וועלן בעזהשי"ת אויסשמועסן אינעם קומענדיגן קאלום.

פאר סיי וועלכע הערות קענט איר שיקן אן אימעיל צו sruliheskel@gmail.com



# הפצה ווינקל

## בריוו פונעם ראש ישיבה

בעזרת ה' יתברך

יום ב' פרשת פקודי, כ"ד אדר, שנת תשפ"ה לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר

איך שיק דיר דא טויזנט דאלער צו דרוקן ספר אשר בנחל. מוהרא"ש האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט העלפן דרוקן דעם הייליגן ספר וועט זען גרויסע נסים, איך דארף יעצט אין שטוב צוויי גרויסע נסים, צוויי באזונדערע ישועות, עס זאל זיין א זכות פאר זיי.

דער רבי זאגט מען זאל געבן א פדיון פאר א צדיק איידער מען גייט צום דאקטער, דאס איז די פדיון פאר ביידע וכו'.

דער אייבערשטער זאל העלפן, בזכות וואס מיר זענען עוסק אין דרוקן און פארשפרייטן די הייליגע עצות פון רבי'ן, די ספרים און קונטרסים וואס מוהרא"ש האט געשריבן פאר די וועלט, אראפגעברענגט די עצות פאר אונזער דור - זאלן מיר אלע זיין געזונט פיזיש און גייסטיש, אמן סלה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

בעזרת ה' יתברך

ערב שבת קודש פרשת ויקרא, ו' ניסן, שנת תשפ"ה לפרט קטן

מיין טייערער ... נרו יאיר

איך שיק דיר דא נאך טויזנט דאלער צו דרוקן די הייליגע ספר אשר בנחל. איך האב דיר געגעבן פאריגע וואך פאר צוויי ישועות, און וואונדער איבער וואונדער, א טאג דערויף האב איך געהאט אויסטערלישע ישועות אין ביידע זאכן אויף וואס מיר האבן געדארפט, און סיי איך האב גלייך געטראכט און אויך מיין ווייב תחי' האט מיר דאס אויך געזאגט, מיר האבן געגעבן פאר אשר בנחל פאר צוויי ישועות יעצט ווילן מיר געבן נאכאמאל פאר לויב און דאנק צום הייליגן באשעפער פאר די ניסים וואס ער האט מיט אונז געטון.

שטארק דיך מיט דיין הייליגע ארבעט, און ווען עס ווערט דיר שווער און דו ווילסט אויפגעבן - זאלסטו זיך זאגן אז יעדער איינער ארבעט שווער, נאר דער חילוק איז מיט וואס איז די שוועריקייט; דאנק דעם אייבערשטן אז דיינע טעג גייען אריבער מיט העלפן דרוקן די ספרים וואס ברענגט די גאולה.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו (פסחים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צו (מיכה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אמן.

## ישועות אשר בנחל

דער גבאי פון קרן הדפסה היכל הקודש, מו"ה לייבי ראטה הי"ו פארציילט אונז די וואך א גאר רירנדע געשיכטע, ערשט האנטיג דערציילט דורך איינער פון אנשי שלומינו.

דער אינגערמאן פארציילט אונז, אז ער איז איינער פון די אינגסטע קינדער פון זיינע צען געשוויסטער, אלע האבן ב"ה אויפגעשטעלט שיינע שטובער, עס גייט כמעט נישט דורך קיין וואך אן דעם וואס מען הערט עפעס א פרישע שמחה אין די משפחה, די עלטערע פון זיינע געשוויסטער מאכן שוין חתונה ב"ה, דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער.

"איין זאך האט מיר זייער וויי געטון" פארציילט אונז דער אינגערמאן, "מיין שוועסטער וואס איז איינס עלטער פון מיר, האט נאך נישט קיין קינדער, און כאטש עס זענען דא ב"ה אסאך שמחות ביי אונז, איז יעדע שמחה געווען געמישט מיט שווערע געפילן, איך האב געזען מיין שוועסטער אנקומען ווידעראמאל מיט ליידיגע הענט, בשעת אפילו איך האב שוין ב"ה צוויי קינדער, דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער, איך האב אסאך מתפלל געווען פאר איר, איך האב איר אינזין כסדר יעדעס מאל איך גיי צו א ציון פון א צדיק, ביי התבודדות בעט איך אסאך פאר איר, און איך האב שוין נישט געוואוסט וואס נאך צו טון. פאריאר אנפאנג חודש אב האב איך זייער שטארק מתפלל געווען פאר איר, דאס איז געווען ווען מיין אינגסטע ברודער האט געהאט זיין ערשטע קינד צען חדשים נאך די חתונה, און דאס האט מיר ארויפגעברענגט א שווערע געפיל איבער מיין שוועסטער'ס צושטאנד, און בשעת התבודדות האב איך מיך דערמאנט פון די הבטחה פון מוהרא"ש זי"ע וואס איך האב געזען אינעם קרית ברסלב בלעטל, איך האב דיר דאן גלייך געשיקט א נדבה פון פינף הונדערט דאלער, עס איז מיר נישט גרינג אנגעקומען, אבער איך האב געשפירט אז איך מוז עס טון פאר מיין שוועסטער, איך האב דיר דעמאלטס נישט געזאגט פארוואס איך געב דיר עס, אבער אויב דו געדענקסט האב איך דיר דאן געזאגט אז איך דארף עפעס א ישועה. היינט איז ממש ניין חדשים שפעטער, און איך האב יעצט אראפ געלייגט די טעלעפאן מיט מיין מאמע, זי איז געווען אויסער זיך פאר שמחה, זי האט מיר פארציילט די גרויסע מזל טוב - עס איז געבוירן געווארן א בן זכר ביי מיין שוועסטער נאך אזויפיל יארווארטן. עס איז ביי מיר נישט קיין ספק אז די ישועה איז געקומען אין זכות פון אשר בנחל."

**דארפט איר א ישועה? איר קענט נאך זיין דער קומענדיגער סיפור ישועה אינעם בלעטל, רופט שוין מו"ה לייבי ראטה הי"ו אויף 347-578-4449 און פאר בלויז פינף הונדערט דאלער קויפט איר זיך איין א זכות אינעם הייליגן ספר אשר בנחל, און איר זענט מזכה טויזנטער אידן צו ווערן פריש מקורב צום אויבערשטן.**

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאָל, טעקסט: 718.387.2691

email: subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

**מיט גרויס פרייד גרייט מען זיך אינעם קרן הדפסה צו דרוקן חלק ב' פונעם ספר "ותחיין את הילדים", דער ספר פונעם ראש הישיבה שליט"א אויף עניני חינוך.**

מיר לעבן היינט אין א צייט וואס די גבולים זענען צומישט, עס זענען דא פילע האטליינס און שיעורים, עס קומען ארויף יעדן טאג פילע פעדאגאגן, מעטאדן, מען רופט צו לעקציעס, וואס וועלן אויסלערנען פערענטינג, אבער עס איז נישט קיין סוד אז וואס מער דעות אלץ מער צומישט ווערט מען, אלע ווילן זען נחת פון די קינדער, יעדער וויל ווייטער ציען ערליכע אידישע דורות, אבער מען ווייסט נישט וועם צו פרעגן, מען הערט אז מען דארף גיין ווייעך, אבער מען ווייסט נישט וויפיל, און ווען, מען הערט אז מען דארף זיין שטרענג, אבער וויאזוי? דארף מען פארלאנגען? מעג מען שלאגן? עס טוט זיך א געפערליכע טשטוש המוחות איבער די אלע נושאים.

טאקע דערפאר האט מען געזען אז ווען אנשי שלומינו האבן אנגעהויבן אפצושרייבן די שיעורי חינוך פון ראש ישיבה שליט"א און מען האט עס אנגעהויבן פארשפרייטן האבן זיך אידן גאר שטארק צוגעכאפט דערצו, מען האט געזען א קלארע און קראנטע צוגאנג צו חינוך, א צוגאנג וואס ארבעט, א מהלך וואס איז צוגעפאסט צו די היינטיגע דור, און מעטאדן וואס איז גענומען נאר פון ריינע מקורות, און נישט חלילה פון בורות נשברים.

צוליב די גרויסע פארלאנג האט מען אין די לעצטע חדשים אנגעהויבן צו צוזאם נעמען די פילע אפגעשריבענע גליונות, און מען האט עס פון פריש איבערגעארבעט עס זאל זיין פאסיג צו ווערן צוזאם גענומען אלץ א ספר, און ב"ה עס איז ארויסגעקומען א הערליכע ארבעט, וואס וועט בעז"ה צוכאפט ווערן דורך טויזנטער אידן איבער די וועלט, און וועט געבן די געלעגנהייט פאר צענדליגע טויזנטער אידישע קינדער צו באקומען די זיסע חינוך וואס מיר האבן מקבל געווען פון די פריערדיגע צדיקים, וואס לערנט אויס די קינדער צו לעבן מיט'ן אייבערשטן טאג טעגליך, און אין דעם אלעם וועלן די פילע פון אנשי שלומינו וואס האבן זיך משתתף געווען מיט די הוצאות זיין גלייכע שותפים, און די זכותים וועלן זיי זיכער באגלייטן. דער באנד איז שוין ב"ה הערליך אפגעדרוקט און איז יעצט אויפן שיף אויפן וועג קיין אמעריקע צום קרן הדפסה, וואס וועט עס פארשפרייטן אין די גאנצע אידישע וועלט.

אבער קרן הדפסה איז נאך נישט צופרידן, אין די צייט וואס מעןווארט נאך אז די ערשטע באנד זאל אנקומען, ארבעט מען שוין פעסט אויפן צווייטן באנד, און כמעשהו בראשונה, טוט מען בסייעתא דשמיא יעצט איבערארבעטן די ווייטערדיגע שיעורים וואס וועלן אריינגיין אין דעם באנד, עס קומט זיך א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו וועלכע איז אנטקעגן געקומען קרן הדפסה און אפגעקויפט דעם זכות מהדורה פונעם באנד וואס וועט טראגן דעם נאמען "מהדורת זוסמאן".

אבער אויך איר קענט נאך קויפן גרויסע זכותים אינעם ספר, דער גבאי מו"ה לייבי ראטה הי"ו געבט יעצט ווידער דער זכות פאר אלע אנשי שלומינו צו קענען קויפן זכותים אין דעם באנד, רופט אים יעצט אן אויף 347-578-4449 צו קויפן דער זכות פון א פרק אינעם ספר פאר טויזנט דאלער, אדער לכל הפחות א זכות אינעם ספר פאר פינף הונדערט דאלער.

די זכותים וואס וועלן ארויסקומען דורכדעם וואס נאך אידן וועלן וויסן און לעבן מיט דעם אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט וועט אייך זיכער צוניץ קומען בזה ובבא.

# בילדער פון קרן הדפסה



קרית ברסלב בלעטל אויפ'ן סטעפלער



געדרוקט "דיין שידוך וועט אנקומען" אין נייע גרויסע סייז



א פרייליכן פורים איבערגעדרוקט

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**דוד טשינגל**
וויליאמסבורג

**שלמה זלמן גלאנשטיין**
וואודרידזש

**לייבי ליבערמאן**
טאמס ריווער

**יצחק אייזיק ראטה**
קרית ברסלב

**משה האמער**
בארא פארק

**אלי ציג**
וויליאמסבורג

**אשר לעווי**
דזשערזי סיטי

**משה ראזענבערג**
טבריה

**דוד יודא איידליס**
קרית ברסלב

**יושע בערקאוויטש**
מאנטריאל

**מרדכי לייב טירנויער**
קרית יואל

**אהרן שלמה שווארץ**
סטעטן איילענד

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#**

email: **donate@kerenhadfusa.org**

Message: **347.578.4449**

# קוק אהער

## אן אומפארגעסליכע תורה!
## אבער וויאזוי?

א מור זאג! דו זאגסט אדער דו לערנסט?

וואס זאגסטו? דו זאגסט אז דו זאגסט נישט, נאר דו לערנסט?!

אהא קומט אויס אז דו לערנסט נישט, ווייל דו זאגסט נישט!

***

וואס איז טאקע פשט פון די גאנצע 'זאגעניש' ארום זאגן? ווער זאגט אז דאס וואס דו זאגסט אז נאר מיטן זאגן ווערט מען לערנען?

רבי נתן האט שוין פון דעם מורא געהאט... ווען דער הייליגער רבי האט מגלה געווען אז די גאנצע וועלט מוז צוקומען צו רבי שמעון בר יוחאי עיר וקדיש מן שמיא נחית אבער ועכשיו וכו'. יא אפילו רבי נתן האט געוואוסט אז די וועלט קען עס נישט הערן, שוין דא גענוג מחלוקת אויפן הייליגן רבי'ן.

רבי נתן האט גוט געוואוסט אז באלד קומען שוין די ליצים, יא דער עיר וקדיש מן שמיא נחית מוז שוין צו קומען צום נחל נובע מקור חכמה. ס'הייסט, נישט נאר ווילסטו אונז פארכאפן קיין ברסלב, נאר דעם הייליגן רבי שמעון, אים ווילסטו אויך פארכאפן קיין ברסלב?

אויב קוקן מיר אריין אין תהילים זעהן מיר א מורא'דיגע זאך, דוד המלך זינגט פארן אייבערשטן אין קאפיטל ח' 'השם אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ', הייליגער באשעפער, דו ביסט דאך אזוי גרויס, דיין נאמען פילט אן די גאנצע וועלט! און דוד המלך רעכנט אויס 'אשר תנה הודך על השמים' דו האסט באשאפן די ריזיגע הימלען, די לבנה מיט די פלאנעטן און שטערנס, וואס יעדע פון זיי איז אזוי גרויס און מעכטיג!

פארוואס האסטו אלעס באשאפן? פאר מיר קליין מענטשעלע, אז איך זאל זינגען פאר דיר, אז איך זאל רעדן צו דיר. און גראד פרעגט דוד המלך ווי אזוי קען דאס זיין? 'מה אנוש כי תזכרנו' וואס איז שוין דער גאנצער מענטש, פון ערד קומסטו און צו ערד גייסטו, מה כל הרעש אז די גאנצע ריזיגע מעכטיגע בריאה האסטו באשאפן פאר מיר קליין פיצל מענטשעלע, וואס נעכטן בין איך נישט געווען און מארגן גיי איך נישט זיין.

דו שטייסט אויף איין צופרי און דו פארסט ארויס זיך אריבערכאפן צו די 47'סטע גאס אין מאנהעטן - די דיימאנטן דיסטריקט.

דו ווילסט אריין פארן מיט דיין קאר, אבער סעקיוריטי שטעלט דיך גראד אפ, דא קען מען נישט אריין פארן, דא איז זייער א שטרענג באוואכטע פלאץ, דו מוזט אדורכגיין ספעציעלע סעקיוריטי סקענערס, אלע אייזן מוזטו באזונדער דורכפירן דעם מאשין און אזוי ווייטער. ביז ענדליך דו ביזט שוין אינעווייניג, דארפסטו יעצט אריינגיין אין איין טיר, און דערנאך אין א צווייטן טיר, יעדע טיר איז געמאכט פון שווערע אייזן. ביז ענדליך טרעפסטו זיך שוין אינעווייניג ביים דיימאנטן סוחר.

נא לאמיר שוין גיין, וואספארא אוצר ליגט דא באהאלטן? וואספארא חשיבות איז שוין דא אז פאר דעם שטעלט מען אהער אזא גאנצע אפאראציע פון וועכטער מיט טירן, סעיפס, סקענערס, וואס ליגט שוין דא?

דער סוחר נעמט ארויס דאס פיצל דיימאנט און ווייזט דיר דאס, קוק דאס, אלעס איז דא נאר פאר דעם!

דו נעמסט זיך לאכן "איך פארשטיי נישט... די גאנצע גאס איז אפגעשטעלט, סעקיוריטי קעפ אויף קעפ, מעטאל דעטעקטערס, מיט וואס נישט, אלעס פאר דעם קליין ברעקל פיצי שטיינדעלע?"

דער סוחר קוקט דיר אן און ענטפערט מיט פארשטענדעניש "קוק אהער! געווען ביסטו, איך פארשטיי עס אויך נישט, אבער אויב זעסטו אז ס'איז אזוי וועקגעשטעלט, דאן קומט אויס אז די קליינע שטיינדעלע פארמאגט טאקע אזא גרויסע חשיבות!"

דער מענטש איז פארוואונדערט, ווי אזוי קען זיין אזא זאך, די זון, די לבנה, די שטערנס, די פלאנעטן, די פייגל, די ביימער, די שטיינער, די גאנצע וואונדערליכע בריאה, דאס אלעס איז פאר מיר?

# דאס און יענץ
# מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**




ווי אזוי קען זיין, 'מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו' וואס איז שוין דער גאנצער מענטש?

אבער אויב אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן די וועלט! קומט אויס אז מיין דיבור איז יא חשוב ביים אייבערשטן!

די שירה פון די פייגלעך, די שאקל פון די בלעטעלעך, דאס איז אלעס דא מיך אויפצואוועקן 'רעד ארויס א ווארט צום אייבערשטן'.

פוטין - דער פירער פון רוסלאנד האט געפרעגט דעם הויפט רב הרב בערל לאזאר שליט"א ווי אזוי קען טאקע זיין אז נאך אזא לאנגע גלות דערהאלט זיך נאך די אידישע פאלק, און גייען אן פעסט, פון אלע ווינקלען אין די וועלט קומען ארויס אידן?

דורכאויס די צייט פון די אידישע גלות זענען צענדליגע פעלקער געקומען און געגאנגען, איז ווי אזוי קען זיין אז דאס קליין הייפעלע אידישע קינדער זענען נאך דא, און גייען אן מיט א פעסטקייט אין יעדן דור קעגן די ווינטן פון יענעם דור?

אנשטאט צו ענטפערן פרעגט דער רב פונעם פרעזידענט "נא וואס זאגט איר?" און דער גוי הייבט אן מסביר זיין אלע זיינע פשטים און פשעטלעך פארוואס די אידן זענען נאך דא, ער קוקט אן דעם אינדרויסן פונעם איד אז משפחה איז א וויכטיגע זאך ביים איד, פארדעם לכאורה האלטן זיי זיך, און דאס וויל ער נאכמאכן פאר זיין פאלק להבדיל אז זאלן אויך קענען זיך דערהאלטן...

***

רבי שמעון בר יוחאי זיצט מיט די חבריא הקדושה פופציג יאר נאכן חורבן הבית, און מען זעט דעמאלט איין די ביטערע רעאליטעט - די תורה גייט אט אט פארגעסן ווערן! אוי געוואלד! אבער דאס איז די מציאות, זיי זעען ווי די דורות פאלן, ס'ווערט נאר ערגער וואס א טאג אריבער, דאס איז ליידער די מציאות...

אבער רבי שמעון בר יוחאי שפרינגט אויף און שרייט אויס ניין! ח"ו שתשתכח תורה מישראל, די תורה איז נצחי, ס'גייט חלילה נישט פארגעסן ווערן!

און פון דעם צדיק'ס קוואל האט די תורה ווייטער געהאט א חיות. ביז ס'איז געקומען צו א דור וואס ס'האט ווייטער אויסגעקוקט פאר די פליישיגע אויגן אז דאס איז עס... די תורה איז חלילה דערנאך, ס'גייט פארגעסן ווערן!

איז געקומען דער צדיק פון יענעם דור און געזאגט מיט א שטארקייט "ח"ו שתשתכח תורה מישראל" דער צדיק האט אראפגעברענגט אן אור וואס קיינער האט נישט געקענט פאראויס זאגן אדער מסביר זיין, און מיט דעם געראטעוועט דעם דור, און ווער עס וויל האבן חיות מוז שוין צו קומען צום נייעם צדיק.

פאר דער בעל שם טוב איז געקומען איז די וועלט געווען פינסטער, רוב כלל ישראל האט פון גארנישט געוויסט פון קיין תורה און אידישקייט, און היינט פון ווען דער הייליגער רבי' האט אראפגעברענגט א נייע אור פאר אונזערער דור, אויב וויל איך צוקומען צו די תורה מוז איך האבן שוין די לימודים פון רבי'ן וואס דאס וועט מיר ברענגען צום בעל שם טוב, צום אר"י הק', צום הייליגן רבי שמעון בר יוחאי.

און אזוי ווייטער מיט יעדן דור, איך קען נאר פארשטיין מוהרא"ש אויב הער איך די שיעורים פון דער ראש ישיבה, און איך ליין די בריוון פון עצתו אמונה, און נאר דורך דעם צדיק פון היינט וועל איך קענען זוכה זיין צום צדיק פון אמאל.

פרעג היינט א רעאליסטישער מענטש 'איז דא אן עתיד פאר אונזערע דור?' קוק מיט דיינע אויגן, ס'פאלט ליידער אוועק שטיקער כלל ישראל, ס'קוקט שוין ווייטער אויס אז די תורה גייט אט אט חלילה פארגעסן ווערן, ביז דער



ראש ישיבה קומט און שרייט אויס "ח"ו שתשתכח תורה מישראל, נעם א משניות און זאג די ווערטער אן קיין חכמות. גיי ארויס א שפאציר און שמועס מיטן אייבערשטן, רעד מיט אים כידבר איש אל רעהו, וועסט ווערן א צדיק וועסט קענען דורכשווימען דעם דור ווי א פיש אין וואסער!"

א אינגערמאן אינמיטן א שווערע טאג ארבעט געבט זיך א פארבענק צום אייבערשטן "הייליגער באשעפער וואס וועט דא זיין מיט מיר, ווען וועל איך שוין זוכה זיין צו ווערן אן ערליכער איד".

די שאקל פונעם בוים, די בליטשקע פונעם שטערן, דאס איז אלעס אוועקגעשטעלט מיך צו געבן א דערמאן איך זאל ארויסזאגן די פאר ווערטער צום אייבערשטן וואס דאס איז די שפיץ פונעם בריאה!

דער מנהל מו"ה אברהם משה שליט"א האט אויסגעפירט די שלש סעודות תורה - איך בין לעצטע וואך געווען אין וויליאמסבורג, דער ראש ישיבה האט געגעבן א דף שיעור פאר די בחורים, דערנאך אריין אין אפיס און געגעבן א שיעור פאר די פרויען צאמקום, און דערנאך א שיעור פאר די מחנכות, און דערנאך א שיעור פאר די מחנכים, און דערנאך גראד אריין אין ישיבה און געגעבן א חיזוק שיעור פאר די בחורים.

און וואונדער איבער וואונדער זענען אלע פון די פינף שיעורים וואס דער ראש ישיבה האט געגעבן יענע טאג געווען די זעלבע דיבורים!

ווי אזוי קען דאס זיין? ווי אזוי קען זיין אז א בעל דרשן קען זיך אוועקשטעלן און רעדן נאכאמאל און נאכאמאל גענוי די זעלבע דיבורים, און די צוהערער ווילן בלויז הערן דאס נאכאמאל?

ס'איז נישט עפעס וואס מ'קען נאכמאכן, אה קוק דער ראש ישיבה טרינקט א טיי און זיצט ביי א טיש, אה איך וועל עס אויך נאכמאכן...

ס'איז נישט נאכמאכבאר. פונקט ווי דו פארשטייסט אז דער רוס וועט קיינמאל נישט קענען נאכמאכן כלל ישראל צו קענען זיך דערהאלטן אינעם פינסטערן גלות.

שכח אייבערשטער מיר זענען א חלק פונעם עם הנבחר, מיר זענען שומרי תורה ומצוות, און מיר זענען גאר אויסדערוועלט צו קענען זיין תלמידי היכל הקודש וואס מיר לעבן מיט די עצות פון א צדיק, וואס גייט אונז דורכטראגן אונזערע פינסטערע דור, אז אפילו ווען די רעאליטעט זאגט אז אידישקייט איז געים אוועק, שרייט אונז דער צדיק "ח"ו שתשתכח תורה מישראל" דו נעם א משניות זאג די ווערטער פון תורה אפילו אן פארשטיין, גיי ארויס א שפאציר מיטן אייבערשטן און דו וועסט זוכה זיין אליין צו ווערן א גרויסע צדיק.

און דורך דעם ראש ישיבה וועלן מיר קענען טרינקען פון די קוואל פון מוהרא"ש, פון רבי נתן, פונעם הייליגן רבי'ן, און פון אלע צדיקים פון יעדן דור וואס האבן זיך מוסר נפש געווען אז מיר זאלן זיך קענען דערהאלטן אין אונזער גלות.

שכח אייבערשטער פאר די לעכטיגע דיבורים וואס מיר האבן זוכה געווען צו הערן שלש סעודות פונעם מנהל שליט"א "אייבערשטער העלף אז מיר זאלן טאקע אייביג פאלגן דעם צדיק בתמימות וועלן מיר זיך קענען דערהאלטן!"

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



פאר די
# ברסלב'ע
שטוב

# מיין ערשטע ל"ג בעומר אין מירון!

ג. פעקעטע

**סארי, איך האב שוין געטראפן א פרענד!**
ש. טראכטער

**וואו זענען די שיך?**
ל. וועבערמאן

**א פייגעלער שפאציר, א תפילה שיעור**
ש. ל. פליישמאן

# ווארעמע
# ברעסטן



*אין קורצן פון פריער: בתי' – קינד פון ר' יודא לייב וזוגתו בילא מייזליק ז"ל איז געבוירן אויף דער עלטער. ווען בתי' איז געווען כמעט דריי יאר אלט י"ז אלול תרצ"ט האט אויסגעבראכן די ביטערע צווייטע וועלט קריג. די יונגע בתי'לע מיט די טאטע מאמע זענען געבליבן לעבן. זומער תש"ג זענען ביידע געווארן קראנק. גוטע אידן האבן רחמנות געהאט אויף בתי'.*

*און יעצט ליינט ווייטער:*

אין זייער געגנט האט געוואוינט א איד וואס איז אנטלאפן פון פוילן. ער איז געווען א וואוילער מיט א גוט הארץ. דער איד איז ליידער נישט געווען קיין שומר תורה ומצוות און ער האט געפירט א רעסטוראנט וואס איז נישט געווען כשר. איין טאג איז ער אריינגעקומען באזוכן די מאמע מיט אביסל מילך און זענדיג אז דאס הויז איז ליידיג פון עסן האט ער אנגעטראגן פארביילא, "מרת מייזליק איר מוזט עסן, כדי צו זיין א געזונטע מאמע צו אייער בתי'לע."

ער האט אנגעטראגן צו ברענגען יעדן טאג א סעודה פון פרישע פלייש און זופ אומזיסט כדי ביילא זאל צוריקקומען צו די כוחות.

בילא איז באמת גערירט געווארן פון זיין גוטהארציגקייט ספעציעל אין א צייט ווען יעדער האט זיך געפלאגט מיט ארימקייט, אבער זי האט אים איידעלערהייט אפגעזאגט.

זי האט אים זייער באדאנקט אבער אים געפרעגט, "וואס קלערט איר? אז דער אייבערשטער דארף אנקומען צו א שטיקל טריפה פלייש מיר צו קרעפטיגן? אויב דער באשעפער וויל מיר שיקן א רפואה וועט ער דאס מיר געבן דורך כשר'ע מיטלען. אויב איז נגזר געווארן פאר מיר צו לעבן, וועל איך קומען צו די כוחות און ווערן פארשמירט פון זינד, און אויב איז חלילה נגזר געווארן צו שטארבן, וויל איך פארלאזן די וועלט מיט א ריינע גוף, ריין פון מאכלות אסורות!





ש. טראכטער

צוביסלעך איז ביילא געקומען צו די כוחות מיט אויסטערלישע סייעתא דשמיא. דאס יונגע בתי' האט יעדן טאג פראבירט צו שאפן עסן צו ערנערן די קליינע משפחה..

יעדן אינדערפרי איז בתי' ארויס מיט א ליידיגע קויש אבער אן אנגעפולטע הארץ מיט אמונה און תפילה. דרייענדיג זיך צווישן די פעלדער האט דאס יונג קינד געשעפשעט: "אייבערשטער שיק אונז עסן." און יעדן טאג האט זי געהאט וואונדערליכע מעשיות וויאזוי דער אייבערשטער האט אויף זיי געהיטן און געזארגט.

פאלגנד איז איין מעשה וואס בתי' דערציילט אין אירע זכרונות:

איין טאג בין איך אהיים פון די פעלדער טרויעריג און באזארגט, ווען אויפ'ן וועג איז א וואגן, איבערגעפולט מיט זעק קארטאפל געפארן פארנט פון מיר.

אן אוזבעקיסטאנער סאלדאט איז געזעצן אויף די גאנצע הויפן און עס געהיטן. (עס האט געדארפט אסאך שמירה, ווייל דאס איז געווען א טייערע ארטיקל אין יענע מלחמה טעג). איך האב געקוקט דערויף מיט הינגעריגע אויסגעשטארצטע אויגן.

ווי איך האב שפאצירט אונטער'ן וואגן, האב איך פלוצלינג געזען ווי צוויי קארטאפל פאלן פון וואגן און עס איז געבליבן ליגן אויף די ערד. עס האט מיר ממש געברענגט שפייאכץ אין מויל... צוויי קארטאפל! זיי האבן אויסגעזען ווי צוויי דיימאנטן. איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון. אויב איך וויל דאס אויפהייבן, קען דער סאלדאט באמערקן און דאן בין איך אויף צרות

איך האב גענומען שפאצירן זייער שטייט, פול מיט קווענקלענישן אין קאפ. דאן האב איך געזען אז דער סאלדאט האט זיך אוועקגעדרייט, האב איך שנעל זיך אראפגעבויגן, אויפגעהויבן די קארטאפל און עס באהאלטן אין מיין קויש."

יעצט האט דער זעלנער זיך צוריקגעדרייט, געקוקט אויף מיר און איך בין פארוואונדערט געווען צו זען א שמייכל אויף זיין פנים. אבער איך האב נישט געהאט צייט צו טראכטן, ווייל נאך צוויי קארטאפל זענען נארוואס ארויסגעפאלן און דער סאלדאט האט באטראכט ווי זיי קוילערן זיך אראפ.

מיט מיין קינדערישע מח האב איך פראבירט צו פארשטיין וואס עס פאסירט דא. טוט דער סאלדאט פאראַרבעטן א שפיצל צו אויסשפרייטן א נעץ פאר מיר, כדי מיר צו קענען ארעסטירן פאר די גניבה?

איך האב געמאכט א שנעלע חשבון, איין זאך איז זיכער אז די קארטאפל קענען ראטעווען די לעבן פון מיין קראנקע טאטע און מאמע, און דער געדאנק האט אפגעווארפן אלע מיינע פחדים..

איך האב זיך נאכאמאל אראפגעבויגן און אויפגעהויבן די טייערע אוצרות. עטליכע טריט ווייטער האט זיך די מאדנע שפיל נאכאמאל איבערגע'חזר'ט, און דערנאך נאך עטליכע מאל בשעת איך האב נאכשפאצירט דעם וואגן.

איך בין אהיימגעקומען מיט אן אנגעפולטן קויש מיט קארטאפל און א מעשה צו דערציילן. ווען איך האב געענדיגט די דראמאטישע מעשה האט מיין טאטע געשמייכלט און געפרעגט, "פארוואס האסטו נישט געפרעגט דעם סאלדאט ווען משיח קומט אונז אויסלייזן פון אונזערע צרות?"

"פאפושקע, פון וואו קען אן אוזבעקיסטאנער סאלדאט וויסן ווען משיח וועט קומען?" האב איך נישט פארשטאנען.

"בתי'לע, האט איינער אמאל געזען אן אוזבעקיסטאנער סאלדאט זאלווארפן קארטאפל פאר א אידיש קינד?" האט מיין טאטע צוריקגעפרעגט.

"דאן איז דאס אפשר געווען אליהו הנביא?" האב איך געעפנט ברייט מיט וואונדער מיינע קינדישע אויגן.

"איך ווייס נישט ווער עס איז געווען," האט דער טאטע געזאגט, "אבער איין זאך בין איך זיכער, דאס איז נישט געווען קיין אוזבעקיסטאנער סאלדאט!"

די קארטאפל האט געראטעוועט מיין מאמען, אבער נאר אויף דערווייל. דאס איז נישט געווען גענוג איר צוריקצוברענגען צו איר געזונט. נאך א נס האט געמוזט פאסירן אז זי זאל אינגאנצן ארויסגיין פון די סכנה..

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז די מאמע זאל זיך ערהוילן און קומען צו די כוחות.

*ליינט קומענדיגע וואך ווייטער אי"ה*

ש. טראכטער



# סאַרי, איך האב שוין געטראפן א פרענד!

דו געדענקסט די קינדערגארטן לידל? "מיידעלע מיידעלע זאג מיר וואס מען מעג, נישט טון אין די ספירה טעג, שניידן די האר אנטון א נייע קלייד, הערן מוזיק און זיך פרייען זייער אסאך, ווייל דעמאלטס איז א טרויעריגע זאך געשען...."

מיר ווייסן אלע די מעשה אז רבי עקיבא האט געהאט 24 טויזנט תלמידים וועלכע זענען אלע נפטר געווארן אין די ימי הספירה

איין טאג בין איך געזעצן און צוגעגרייט א שיעור אויף די ימי הספירה. עס איז דא זאכן וואס מיר ווייסן שוין פון ווען מיר זענען קינדער אז צומאל לייגן מיר נישט געוויכט אויף וואס עס האט טאקע פאסירט.

איך האב פרובירט אין מיין מח אויסצו'משל'ן 24,000. דאס איז זייער זייער אסאך. איך האב פראבירט אויס'חשבונ'ען וויפיל קלאסן פון קינדער, וויפיל מוסדות דאס מיינט. זייער אסאך.

דאן האב געטראכט דערפון מיט די הקדמות פון רבי'ן. ווי מיר ווייסן האט ר' עקיבא, זעענדיג וואס עס האט פאסירט, נישט אויפגעגעבן, נאר אנגעהויבן פון פריש און נאכאמאל געלערנט תורה מיט נייע תלמידים. פון זיינע תלמידים זענען איבערגעבליבן נאר פינף. מיט א גשמיות'דיגע בליק איז דאס א קאטאסטראפע. פינף פון 24 טויזנט. אבער מיר ווייסן אז די פינף זענען געווען פון די גרעסטע וואס כלל ישראל פארמאגט, רבי שמעון בר יוחאי און נאך פיר.

דאס האט מיר אפגעשטעלט טראכטן. חוץ די אלע לימודים וואס מיר נעמען ארויס פון ספירה, איז דאס א מורא'דיגע לימוד וואס מיט די הקדמות פון רבי'ן קענען מיר עס ריכטיג טועם זיין. דער הייליגער תנא רבי עקיבא האט דאס

געזעגנט זיך נאך 24 יאר פון זיין שווערע הארעוואניע איז געגאנגען צוגרינד. אבער דער תנא באווייזט נישט וואס איז געווען, נאר הייבט אן פריש פונדאסניי און פלאנצט נאך א דור פון ראשונים כמלאכים.

דאס איז די כח פון מכאן ואילך, פון יעצט! איינער האט זיך אמאל אויסגעדרוקט, "די ברסלב'ע האבן זיך גענומען די גרינגע עבודות א שטייגער ווי "פון יעצט און זיין פרייליך!"

נו, נו, פרוביר עס אויס איין טאג און זאג מיר ווי גרינג אדער שווער "פון יעצט, אדער זיין פרייליך איז."

עס איז גאר א שווערע עבודה זיך אויפצוהייבן פריש און אנהייבן נאכאמאל האבן סבלנות, רעדן שיין, זיין פרייליך, מוחל זיין, און אזוי ווייטער.

מיין חבר'טע דערציילט מיר אז איר שוועסטער האט איר געקלונגען ערב פורים מיט א מורא'דיגע התרגשות אז זי האט ערגעץ געליינט אז אויב מען קומט נישט צו קיין כעס דורכאויס די ימי הפורים, קען מען זוכה זיין צו גילוי אליהו פסח ביים סדר. איר ווייסט דאך וואס דער ראש ישיבה זאגט, וואס איז גילוי השכינה? שפירן אייבערשטער, און וואס ווערסטו טון ווען דו ווערסט זען אליהו הנביא ביים סדר? אים פרעגן וויאזוי דו קענסט זיין א ערליכע איד!

למשעה רעדט זי שפעטער צו איר שוועסטער און זי איז זייער בייז, זייער ברוגז, זי שרייט אויף די קינדער און איז זייער אנגעצויגן. געט זי איר א פרעג "וואס איז געווארן מיט גילוי אליהו?" זאגט זי איר מיט ווייטאג: "יא, איך האב זיך איינמאל אויפגערעגט און איך האב פארשטאנען אז עס איז דערנאך. איך האב עס שוין סיי ווי נישט געמאכט, ממילא האב איך אויפגעגעבן און יא, איך שריי און איך רעג זיך, אויב שוין, זאל שוין..."

א שאד אז נישט אלע ווייסן פון לימוד פון רבי'ן. ווען מען איז זוכה צו לעבן מיט'ן לימוד "פון יעצט" ווערט די לעבן א גן עדן. איך בין דורכגעפאלן, יא, ריכטיג, אבער איך בין נישט דערנאך, איך הייב אן פון פריש. דער רבי לערנט אונז אז א מענטש דארף זיין בקי ברצוא ושוב - ביידע וועגן. אוודאי איז געשמאק צו דינען דעם אייבערשטן מיט התלהבות, מיט קבלות טובות, זיך שפירן ווי "מען האט עס געמאכט", אבער דאס לעבן איז א גלגל החוזר, א באלי וואס דרייט זיך, אמאל איז מען אויבן און אמאל איז מען אונטן, אבער די שיינקייט פון א איד איז אז ער דערהאלט זיך דוקא אין די צייטן ווען מען שפירט ווי א "דורכפאל." און אז מען דערהאלט זיך קומט מען צו שיינע זאכן.

דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט: "ווען מיר זאלן ווען קענען זען דעם אמת אז די טעג וואס מען שפירט 'ב"ה איך בין גאנץ מסודר' איז פיין, אבער ווען מיר זאלן ווען זען די שיין אויבן אין הימל פון די טעג וואס מיר שפירן נישט, אדער ווען מען שפירט ווי א דורכפאל און ווייט פון אייבערשטן, און מען בענקט און מען וויל, וואלטן מיר געשטוינט פון די ליכטיגקייט."

די לימוד פון ספירה איז א חיזוק יעדן טאג פאר אונז. ביסט אדורכגעפאלן? האסט חרוב געמאכט? הייב אן פון יעצט, פון פריש..

צוצוקומען צו די 'פשוט'ע' עבודה 'פון יעצט' מוז מען האבן אסאך אסאך תפילה און התבודדות, בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל גארנישט וועלן, נאר טון רצון ה'. מען דארף אסאך תפילות גיסן אז מען זאל קענען אוועקלייגן די אייגענע 'עגא, די איך' און געדענקען אז 'עס איז נאר דא איין איך, אנכי ה'.

ר' יו"ט ערליך זינגט אזוי שיין אויס אין איינע פון זיינע לידער, ווי אזוי איינע פון די תלמידי המגיד זענען געקומען באזוכן ר' אהרן הגדול, ער האט אריינגעקלאפט אין פענסטער שפעט ביינאכט, דער הייליגער מגיד פרעגט, "ווער איז דא?" און דער איד ענטפערט אים "איך."

ר' אהרן האט ווייטער געלערנט און נישט געעפנט די טיר. עס גייט אריבער אפאר מינוט און ווידער הערט זיך א קלאפ אין טיר. "ווער איז דארט?" די ענטפער איז ווידער, "איך." אזוי האט פאסירט איינמאל און נאכאמאל, און ווי ר' יו"ט זינגט אזוי הארציג, "ווער קלאפט עס אין פענסטער ביינאכט אזוי שפעט? ענטפערט אים יענער "איך"...!

ר' אהרן הגדול וואונדערט זיך, "ווער איז דער איך?" און דער חבר זאגט אים וויאזוי ער הייסט. ער דערציילט אים מיט פרייד אז ער קומט פון הייליגן מגיד און אצינד גרייט ער זיך שוין אהיימצופארן און ער וויל אריינקומען אים באזוכן. ר' אהרן שטייט פארוואונדערט. "דו פארסט שוין אהיים? עס דאכט זיך מיר אז דו האסט נאך גארנישט געלערנט ביים הייליגן מגיד. איך פרעג דיר ווער עס איז דא, און דו ענטפערסט מיר "איך?" מיר האבן ביים צדיק געלערנט אז עס איז נאר דא איין "איך" אנכי ה'!

מיט התבודדות איז מען זוכה אריינצונעמען צוביסלעך די הייליגע און ריינע אמונה אז אלעס אלעס איז דער אייבערשטער, דומם, צומח, חי מדבר, אלעס איז דער אייבערשטער און דער אייבערשטער איז אלעס.

אין די יעצטיגע טעג, וואס די וועטערס זענען אזוי אנגענעם און געשמאק האט מיר אנגעכאפט א חשק זיך צו נעמען ערנסט מאכן אביסל איבונגען. וואס קען זיין בעסער און געזונטער ווי א שנעלע אנגענעמע שפאציר אויף די פרישע לופט? איך האב אנגערופן א חבר'טע און איר געפרעגט אויב זי וויל מיט מיר א שנעלע שפאציר יעדן אינדערפרי. מיין חבר'טע האט מיר העפליך אפגעזאגט, "איך גיי שוין שפאצירן מיט איינעם."

"מיט וועמען?" וואונדער איך זיך..

"מיט'ן אייבערשטן."

עס האט מיר געגעבן א גוטע קיצל, זי איז גערעכט, יעצט ווען די וועטערס זענען אזוי שיין, איז דאך נישטא עפעס בעסערס און שענערס ווי כאפן א שפאציר מיט'ן אייבערשטן און אים אויסדערציילן אלעס וואס עס גייט אריבער אין אונזער טאג. אים דערציילן אונזער עליות און ירידות, אים דאנקען און בעטן, און מתפלל זיין צו זוכה זיין צו די 'פשוט'ע עבודה' פון אנהייבן פון פריש יעדן טאג פונדאסניי, יעדע מינוט.

דער ראש ישיבה זאגט אסאך מאל איבער אז עס איז באקאנט אז דער

הייליגער רבי האט אמאל געזאגט אז ער האט אנגעהויבן פון פריש טויזנט מאל א טאג.

דער ראש ישיבה לייגט דא געווענליך צו אז מוהרא"ש זאגט אז אין א טאג איז דא 1440 מינוט. דאס מיינט אז ממש יעדע מינוט האט דער רבי אנגעהויבן פון פריש. געווענליך וועט דער ראש ישיבה צולייגן, 'איך האב עס נישט אויסגערעכנט אבער אז מוהרא"ש זאגט אזוי, איז אזוי'. דאס איז אן עקסטערע לימוד פאר זיך אין אמונת חכמים.

אזוויי איך האב שוין געשריבן פון ספירה, וויל איך צולייגן נאך א שיינע נקודה פון ספירה וואס איך האב געהערט אויף א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א.

די מצוה פון ציילן ספירה איז 'לכם', יעדער ציילט פאר זיך. מען קוקט נישט אויף א צווייטן. ווען עס קומט צו עבודת ה' (און אוודאי גשמיות אויך) קוק נישט אויף יענעם. וואס איז א חילוק וואס גייט פאר ביי יענעם? אזוויי דער תם האט געזאגט "זה מעשה שלו וזה מעשה שלי מה לנו לדבר מאחרים?" דאס איז מיין מעשה און דאס איז זיין מעשה, וואס דארף מען רעדן פון א צווייטן? וואס גייט פאר ביי יענעם'ס טיר... האט גארנישט צו טון מיט מיר!

עס איז באקאנט אז דער הייליגער רבי ר' זושא האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אז ווען ער וועט ארויפקומען אויבן אין הימל וועט מען אים נישט פרעגן, "זושא, פארוואס ביסטו נישט דיין ברודער ר' אלימלך? מען וועט מיר פרעגן "זושא פארוואס ביסטו נישט זושא?" די בעסטע ווערסיע פון וואס דו האסט געקענט זיין.

מען וועט דיר נישט פאראהאלטן אויבן אין הימל פארוואס דו ביסט נישט געווען ווי דיין שוועסטער, שוועגערין, חבר'טע אדער לערערין. מען וועט אונז אבער יא פרעגן, צו ביסטו געווען די בעסטע וואס דו האסט געקענט לויט דיינע מעגליכקייטן?

דער יצר הרע איז אזוי 'קריעטיוו' און אזוי אייגנארטיג. ער האט אלע מיני וועגן אונז אראפצואווארפן אין עצבות. איינע פון זיינע זייער סוקסעספולע וועגן איז צו מאכן חלישות הדעת ווי ווייט יענער האלט. אבער דאס איז די זעלבע יצר הרע, נאר פשוט מיט אן אנדערע פארשטעלאכץ.

דער ראש ישיבה האט לעצטנס געזאגט ביי איינע פון די פרויען שיעורים, "ווען דו זאלסט ווען וויסן אז אלע מוטשען זיך מיט פרנסה, אז 'קיינער' קען זיך נישט אן עצה געבן מיט'ן מאכן נאכט מיט די קינדער, אז 'יעדן'ס' מאן קומט אהיים שפעט, דאן ביסטו מסודר? די שוועריגקייט איז נאר ווען מען קוקט אויף יענעם. דאס זעלבע איז אויך מיט עבודת ה'".



אז איך ווייס אז 'יעדער' האט שוועריגקייטן מיט התבודדות, אז 'יעדער' פאלט כסדר, אז 'קיינער' איז נישט פערפעקט, ווערט מיר גרינגער? פארוואס דארפסטו קוקן אויף 'יעדער' און 'קיינער'? עס וועט דיר ממילא נישט צוגעבן און נישט שאדן מאכן. מאך צו די פענסטער און עס וועט זיין 'איך מיט מיין באשעפער אליין... מיט'ן באשעפער איך שמועס אליין!

מוהרא"ש לערנט אונז אז קנאה, אפילו פרומע קנאה איז נישט קיין עסק. מאך נישט נאך יענעם, זוך אויף דיין אייגענע נקודה טובה וואס דו האסט און מאך דערפון אן עסק, קוק נישט ביים שכן, נאר ביי דיר אליינס..

יעדער האט א נקודה טובה וואס א צווייטער האט נישט. איינער נעמט אריין א קינד פון יענעם, איינער קען אוועקגעבן א דירה פאר א צווייטן אויף יום טוב. איינער קען קאכן א נאכטמאל פאר א צווייטן און איינער קען אינזין האבן צו רופן וואונטשן מזל טוב. איינער קען זיך אנטראגן צו גיין העלפן אין באזאר, און איינער קען שיקן א קינד העלפן ביי יענעם. איינער קען מחזק זיין א צווייטן און איינער קען אויסהערן א צווייטן. אין די וועלט איז דא אסאך מענטשן וואס רעדן, אבער נישט אזוי סאך וואס הערן. אויסהערן וואס יענער האט צו זאגן גאר א גרויסע חסד!

וספרתם לכם, צייל פאר דיך, קוק נישט ביי יענעם. דער רבי וועט פון מיר מאכן שיינע זאכן, אויב איך וועל פאלגן די עצות. דער ראש ישיבה זאגט כסדר אז עס איז נישט גענוג זיך צו דרייען ביים רבי'ן און וויסן פון אלע שיינע עצות, נאר מען דארף זיך נעמען דערצו. און אז עס איז דיר שווער, מאך יעצט א תפילה "אייבערשטער איך וויל אויך זוכה זיין צו קענען טון די עצות, איך וויל אויך זוכה זיין צו התבודדות, צו שפירן אייבערשטער."

איך וויל אנהייבן פון יעצט, באמת!



ג. פעקעטע

# מיין ערשטע ל"ג בעומר אין מירון

## יאר תשפ"ב

פארט זיך א קליינע צוויי-טירנדיגע קארעלע ארויף א בארג, אויף א טויט שטילע ראוד - ניין, נישט אזוי גייט די מעשה, לאמיר אנהייבן פון אנפאנג, אייך צו געבן צו פארשטיין וואס ליגט אונטער די פאר ווערטער.

מירון תשפ"ב איז געווען כאאס, ס'איז געווען די ערשטע יאר ל"ג בעומר נאך די שרעקליכע טראגעדיע, וואו טייערע אידן זענען אומגעקומען אין מירון. די ציונים האבן זיך ארויפגעכאפט אויף די געלעגנהייט, פרובירנדיג אפצושטעלן די שטארקע שטראם פון אידן וואס ווענדן זייערע פיסטריט צו רבי שמעון יעדעס יאר ל"ג בעומר, ווייל ס'שמעקט זיי גאנץ ווייניג די קדושה, האבן זיי דא געהאט אן אפענע סיבה איינצופירן זייער שנאת ישראל. זיי האבן פרובירט אפצושפארן געגנצליך די שטעטל מירון, און געבן ערלויבעניש נאר פאר א קלענערע צאל מענטשן וואס האבן געדארפט שאפן טיקעטס אריינצוקומען אין מירון, אויך נאר דורך זייער צוגעשטעלטע טראנספארטאציע, וואס איז געווען א לענגערע אומוועג און א פרשה פאר זיך.

נאר דורך די וועג וואס זיי האבן צוגעשטעלט מדינה'שע באסעס, האט מען געקענט צוקומען. מער ווייניגער האט מען געדארפט כאפן א קאר אדער באס קיין צפת אדער טבריה, וואס פון דארט האבן זיי צוגעשטעלט באסעס, וואס זאלן פירן די מאסן קיין מירון.

די באסעס האבן זיך אפגעשטעלט אינדרויסן פון שטעטל, און פון

דארט האט מען געדארפט גיין צופיס. שטעלט אייך פאר די סצענע- אידן פון אלע שיכטן און קרייזן וואס ווארטן און קוקן ארויס א גאנץ יאר אויף די לעכטיגע ל"ג בעומר, די פייערדיגע התלהבות און ברען, וואס מען וועט ווילן און זיך אויסבעטן, זיך אויסטאנצן ביי ר' שמעון, האבן נישט מוותר געווען, און פרובירט אנצוקומען צום צדיק אין די יום הילולא אויף אלע סארט וועגן.

איך בין געווען גליקליך צו קענען פארן קיין ארץ ישראל, און ארויסגעקוקט צו קענען זיין ל"ג בעומר אין מירון - די ערשטע מאל אין מיין לעבן. יעדער ווייסט אז ס'איז א הערליכע הארץ-ערוועקענדע ערפארונג, ס'איז א זאך וואס מען קען נישט זען אדער פילן אויף קיין שום פלאץ אויף די וועלט. די קדושה, די שמחה וואס מען זעט דארט - אינעווייניג אינעם מערה א יום כיפור, אינדרויסן א שמחת תורה, דאס קען מען נישט אפמאלן, מי שלא ראה שמחה כזה - זאגט מען, קען עס נישט פארשטיין. ענדליך איז געקומען די צייט אז איך זאל לעבעדיגערהייט קענען דערזען די שמחה, די גליקליכע פייערדיגע מראה.

וויבאלד איך בין געקומען פון אמעריקע זענען מיינע טיקעטס קיין ארץ ישראל געווען באשטעלט שוין א שטיק צייט פאראויס. צוביסלעך האט אנגעהויבן קומען די נייעס אז מירון וועט זיין פארשפארט, און מען וועט נאר קענען אריינגיין מיט ערלויבעניש, נאר געציילטע מענטשן און ס'וועט זיין נאר פאר א קורצע צייט.

מיר האבן אבער ווייטער געגלייבט אז אנצוקומען צו א צדיק איז זיכער מעגליך, און זיך נישט דערשראקן פון די נייעס וואס איז אריינגעקומען. כאטש פיל מענטשן האבן יענע יאר אפגעזאגט זייערע טיקעטס, און געמאכט שלום מיט די מצב אז די יאר קען מען נישט צוקומען, און עס לוינט נישט צו קומען צו פארן פאר א קליינע קליינע טשאנס - אז אפשר וועט מען זיך קענען שאפן א טיקעט און זיך אריינווינדן צום הייליגן צדיק - אבער מיר האבן געגלייבט אז מיר וועלן יא קענען זיין ביים צדיק, און נישט איינגעגאנגען אויפן מחשבה אפצושטעלן אדער קענסלען די טיקעטס.

אזוי זענען מיר אנגעקומען קיין ארץ ישראל, ארויסקוקנדיג, קוים ווארטנדיג, און מיט גרויס בענקשאפט, אנצוקומען צום הייליגן רבי שמעון. אזויפיל האבן מיר שוין געוואוסט אז תפילות זענען דא קריטיש וויכטיג, ווייל ס'האט געהאלטן אין איין קומען נייעס, שמועות און רעדעס, אז מען האט שוין אפגעשפארט די דערפל, מען האט שוין געלייגט צוימען, און ס'איז שוין דא סאלדאטן וואס נעמען ארום די גאנצע אומגעגנט. מענטשן האבן אנגעהויבן פארציילן ווי אזוי זיי האבן פרובירט אנצוקומען אין מירון, און וויפיל שטרויכלונגען האבן זיי אפגעשטעלט, און זיי האבן זיך געמוזט צוריקדרייען.

אנשטאט פון זיך צוברעכן פון הערן די טרויערדיגע שמועות, האבן מיר זיך געשטארקט מיט תפילה און רצונות, און בענקעניש צו זוכה זיין צו זיין ביי רבי שמעון אין זיין הייליגע יארצייט. אזוי מיט תפילה און בענקעניש האבן מיר אפגעמאכט אז טראץ דעם וואס מיר האבן זיך יא איינגעהאנדלט טיקעטס צו פארן פון צפת אויף מירון, וועלן מיר נישט גיין יענע וועג.

ס'איז שוין געווען ל"ג בעומר - מען האט שוין געהערט די שוידערליכע געשיכטעס וואו מענטשן האבן זיך געוואנדן קיין מירון, געגאנגען מיילן אין די וועלדער און פעלדער ארום די דערפל, פרובירט זיך אריינצוכאפן אין די טונקעלע שאטן פון נאכט, אבער רוב זענען טאקע געכאפט געווארן, פיל זענען ארעסטירט געווארן, און אסאך זענען צוריקגעשיקט געווארן. די אלע נייעסלעך האבן נאר שטערקער געמאכט די רצונות, און די תפילות אז מען זאל קענען זוכה זיין אנצוקומען צו רבי שמעון אויף ל"ג בעומר.

אויפצומארגנס, ל"ג בעומר אינדערפרי, האבן מיר זיך געגרייט ארויסצופארן קיין מירון. וואס איז געווען די פלאן? די פלאן איז געווען אז זאל זיין וואס זאל זיין, מיר גייען זיין ביי רבי שמעון אין די טאג פון זיין הייליגע יארצייט. מיט א קליינע קאר וואס מיר האבן ארויסגעדינגען - בלויז צוויי טירן מיט א קליינע שטיקל פון בעק, האבן מיר געפאקט פעק, די בעיבי אריינגעשטופט פון אונטן, די פעקלעך פון די זייטן, און אזוי לאזן מיר זיך ארויס פון אינמיטן לאנד, צו די ריכטונג פון מירון.

ווי שלעכט איז געווארן פאר די אויגן ווען עס האט געוויזן אויף די G.P.S. אז עס וועט נעמען פיר גאנצע שעה. ס'איז א וועג וואס דארף ווען נעמען צוויי שעה. "ס'איז ל"ג בעומר" האבן מיר זיך איבערגעשמועסט, קען זיין אז ס'איז דא טרעפיק און צוליב דעם נעמט די וועג פיר שעה. מיר זענען שוין געווען אין מירון אויף אן אנדערע געלעגנהייט, און ווען מיין מאן האט געקוקט אויף די מאפעס, האט ער באמערקט אן אינטערעסאנטע זאך. ווען מען קומט אן הארט נעבן די דערפל מירון, האט

די GPS געטראגן ווייטער דורך 89 קיין צפת - ארום א גרויסע ברייטע צירקל, וואס דאס לייגט צו נאך א שעה צום וועג. ס'איז געווען מאדנע און אינטערעסאנט - פארוואס זאל די וועג ווייזן אזא U-TURN, געדרייטע וועג, וואס שיקט אוועק פון די פלאץ צו וואו מיר זענען שוין אט אנגעקומען - האבן מיר זיך געוואונדערט?

מיין מאן האט אריינגע'זומ'ט נענטער אין די מאפע, און באמערקט אז ס'איז דא דארט א קליינע זייטיגע ראוד, וואס פירט פון יענע פלאץ גלייך אריין אין מירון, נישט מער ווי פינף - צען מינוט אוועק. מאדנע אבער איז געווען, אז יענע ראוד אויף די מאפע איז געווען גרעי, ס'מיינט אז ס'איז נישט געווען א וועג וואס די מאפע לאזט פארן - די מאפע האט בשום אין אופן זיך נישט געוואלט לאזן פירן אויף יענע וועג. אזוי פארנדיג האבן מיר פון פריש מחליט געווען "זאל זיין וואס זאל זיין", מיר גייען זיין אין מירון אינעם הייליגע טאג ל"ג בעומר.

ווען מיר זענען אנגעקומען ביי יענע פלאץ, באגלייט מיט אלע תפילות פון די לעצטע פאר וואכן, און די פארזאמלונג פון די לעצטע פאר שעה וואס מיר פארן און בענקען און קוקן שוין אזוי לאנג ארויס אויף צו קענען זיין ביי רבי שמעון. מיר האבן מחליט געווען אז לכאורה איז דאס די וועג אריין, אבער וויבאלד די ציונים האבן פרובירט אפצושטעלן די מענטשן פון קענען אנקומען קיין מירון, איז דאס געווארן גענצליך פארשלאסן. זיי האבן עס אפילו אויסגעמעקט פון די מאפעס אז ס'זאל נישט אהין פירן קיין מענטשן וואס פרובירן צו קומען.

שטייענדיג ביי יענע קארנער, קומענדיג צו פארן אויפן 85, מיט א דרייסקייט וואס קומט נאר פון אזויפיל תפילות, האט מיין מאן געגעבן א דריי אריין די קאר, געמאכט דעם לינקס אויף 866 - יענע גרעי ראוד - וואס טראגט קיין מירון.

און מיר האבן זיך געפונען אזוי גלאטיג פארן אויף א גאנץ ליידיגע שטרעקע פאר אונז, נישט קיין איין קאר איז געווען צום געפינען. אזוי זענען מיר געפארן עטליכע מינוט נישט גלייבענדיג אונזער גוטע מזל, אז מיר זענען נישט געווארן אפגעשטעלט..

לאמיך מסביר זיין וואס איז געווען דארטן ביי יענע ווינקל וואו מיר האבן זיך געגעבן א דריי אריין, ס'איז געווען מחנות מחנות פון שומרים וואס זענען געשטאנען און צוריקגעדרייט מענטשן, ס'איז געווען היבש אפאר באסעס אפגעשטעלט דארט, אפגעלאדענט פון אירע פאסאנדזשירן, און יעדער איז דארט געשטאנען הילפלאז, צובראכן, מיט די זעלבע ווילן צו קענען פארן אויף מירון. די שטרויכלונגען אבער, אין די פארעם פון די סאלדאטן, האבן זיי נישט געלאזט ווייטער גיין..

דער אייבערשטער האט זיי בלינד געמאכט אויף יענע רגע ווען מיר האבן זיך איינגעדרייט. זיי זענען געווען אויסגעדרייט אויף די אנדערע זייט, צו אלע באסעס. און נישט באמערקט ווי אונזער קאר האט זיך דארט פלינק אריינגעדרייט. און אזוי איז צושטאנד געקומען, אז די קליינע צוויי טירנדיגע קאר פארט ארויף די געדרייטע וועג, נענטער און נענטער... מיט הארץ קלאפעניש האבן מיר ארויסגעקוקט שוין צו קענען אנקומען צום הייליגן צדיק.

ווי א מייל נענטער מיר זענען געפארן, האבן מיר אנגעהויבן זען גרויסע ריזיגע שטחים צוגעגרייט צו אריינפארקן די באסעס. ס'איז געווען פארקינג לאט א' ב' ג' און אזוי ווייטער... פיל גרויסע ליידיגע שטחים - קיין מענטש זאל קענען דארט צוקומען.




ווען מיר זענען אנגעקומען אט אט ביים שוועל פון דערפל מירון, האט זיך אנגעהויבן א גרויס בהלה, ס'איז געווען לייטס און סיירענס. ס'איז געווען פיל איינגעשטעלטע קארס, טשעק פוינטס, פאליס, שומרים, און אלע וויכטיגע קנאקערס וואס האבן געוואלט מאכן סדר, און צושטערן די סדר פון אלע

ערליכע אידן וואס ווילן קומען זיך אויסבעטן ביי א צדיק. דאס האבן מיר געטראפן ביים אנקומען אט אט, שוין אזוי נאנט, אבער נאך אזוי ווייט אפגעריקט פון דערגרייכן אונזער ציל.

אזוי ווי איך האב פריער געזאגט, אז רצון איז א שטארקע זאך, מיר זענען נישט איינגעגאנגען! מיט די זעלבע דרייסקייט פון פריער זענען מיר ווייטער אריינגעפארן אין די הארץ פון די בהלה, די באלאגאן פון פאליס און שומרים. הארט פאר די רויט לייט איז געווען א קליינע שטח וואס איז געווען אפגעשפארט אלס א פארקינג לאט פאר די באאמטע קארס. ביים שוועל פון די פארקינג לאט איז געשטאנען, פארשטייט זיך, נאך א שומר. אן קיין וואס וועז וואו, האבן מיר געגעבן א דריי אריין די קליינע קאר אין דעם שטח!

## רצון איז א שטארקע זאך, מיר זענען נישט איינגעגאנגען! מיט די זעלבע דרייסקייט פון פריער זענען מיר ווייטער אריינגעפארן אין די הארץ פון די בהלה, אין די באלאגאן פון פאליציי.

דער שומר איז געווען אזוי צומישט - וואס איז די קאר, ווער איז די קאר, פון וואו קומט די קאר? נאך פאר ער האט געקענט עפעס טון זענען מיר שוין געווען פארבייגעגאנגען, מיר האבן פרובירט וואס שנעלער אויסשטייגן פון די קאר, עס אראפלייגענדיג אין די פארשטופסטע ארט אין יענע שטח.

אויסשטרעקענדיג די ביינער פון די לאנגע סטרעספול וועג, וועלנדיג וואס פריער זיך אוועק זען פון די קאר, האבן מיר באמערקט אויף די ערד א געלע וויכטיג-מאכער ווערסטל. מיין מאן האט עס ארויפגעצויגן אויף זיין פלאץ אינעם קאר מ'זאל עס נישט אוועקשלעפן, און אזוי האבן מיר ארויסשפאצירט פון די שטח מיט א גראדן רוקן, נישט גלייבנדיג אונזער געווינס.

ערשט דאן האבן מיר באמערקט אונזער געלונגענע, גליקליכן מזל... ווי א טריט נענטער מיר זענען געגאנגען ביי די דריי-פיר גאסן וואס מיר האבן געדארפט צו גיין, האבן מיר געזען מער און מער בעריגעיטס - גדרים וואס שטעלן אפ סיי וועלכע קאר, באס, טראק, מאטארסייקל, איי.טי.ווי. וואס פרובירט צו קומען אפילו נאנט, און שיקט זיי צוריק.

מיר האבן געזען מענטשן - מענער, פרויען און קינדער, וואס שלעפן זיך מיט זעק און פעק, וועגעלער, קליינע קינדער, בעיבי'ס... אלע ווענדן זייערע פיס טריט דורך די גאסן, קומענדיג היבש א ווייטן וועג, פון וואו זיי גייען שוין פון די פלאץ וואו די באס האט זיי אראפגעלייגט. מיר האבן שנעל זיך אריינגעמישט אין יענע געיעג פון מענטשן און אפגעאטעמט, נישט גלייבנדיג אז מיר שטייען שוין באלד באלד, פארנט פונעם הייליגן צדיק רבי שמעון.

דא איז אבער אנגעקומען א נייע שוועריגקייט. אינטן פון די בארג איז געווען א גרויסע שטארקע, הויכע, פעסטע צוים, ארומגענומען מיט פאליציי, מיט לאנגע גאנס. זיי האבן בשום אין אופן נישט געלאזט קיינעם אריבערגיין.

ס'איז שוין געווען נאך א לאנגע טאג וואס מענטשן זענען געקומען מיט זייערע טיקעטס, מיט באסעס. אוודאי אויך פיל מענטשן האבן זיך פרובירט אריינצוכאפן אן רשות, און קוקט אויס זיי זענען שוין געווען fed-up ביי יענע צייט. ס'איז שוין געווען נאנט צו נאכט, און זיי האבן באשלאסן אז דאס איז עס, מען גייט זיך נעמען אויף די היימישע אידן. ס'איז נישט געווען קיין שום וועג צו קענען פארבייגיין די צוים.

עס זענען געשטאנען דארטן מאסן מענטשן, מען האט זיך געדריקט און געשטופט, אבער ס'האט נישט געהאלפן, עס איז געווען שטארק אפגעשפארט און ארומגענומען, נישט צולאזענדיג קיינעם..

"נאך א מניעה", נאך די אלע שעה, זיך טרעפן stuck דא, האב איך געקלערט.

אבער מיט תפילה קען מען זען ניסים.

און ווען מען גלייבט אז מען וועט עס מאכן - מאכט מען עס, אזוי ווי דער רבי האט קלאר געזאגט, "אויב איינער מאכט אפ אז ער וויל עפעס, וועט ער עס באקומען, אויב



איז די ווילן גענוג שטארק". ס'איז נישט אריבער מער ווי פינף-צען מינוט, וואס מיר זענען געשטאנען דארט מיט די מאסן מענטשן און געגאסן מאסן תפילות, און פלוצלונג האט אנגעהויבן שטראמען די גאנצע מענטשהייט אויף איין מאל צוזאמען! וואונדערליך- האט זיך די צום געעפנט, אלע פאליס און סאלדאטן - פארשעמטערהייט, מיט אראפגעלאזטע פנימ'ער - האבן ארויסמארשירט פון דעם הייליגן בארג, און אפגעפיצט פון שטח. פריי פאר אלעמען.

מיין הארץ האט אנגעהויבן טאנצן פאר שמחה מיט גרויס יראת הכבוד. אזא אפענע נס איז נישט שווער צו גלייבן ביים שוועל פונעם גרויסן צדיק רבי שמעון. און אזוי האבן מיר זוכה געווען אנצוקומען בו ביום גלייך פאר נאכט, צום ציון פון הייליגן צדיק - רבי שמעון.

ס'איז געווען א גרויס שטופעניש, און געדרענג, אבער ברוך השם אז מיר זענען זוכה צו וויסן וואס מיר האבן צו טון ביי א ציון פון א צדיק. מען בעט, מען איז זיך מתבודד, מען דאנקט, און מען איז זיך מקשר צו דעם צדיק.

שפעטער איז געקומען די צייט זיך ארויסצולאזן קיין יבנאל נעכטיגן. אזוי האבן מיר זיך געפונען אין די קליינע קאר, מיט געהויבענע געמיטער, וואס מיר האבן נאך אליינס נישט געקענט גלייבן, די שווערע טויערן וואס מיר האבן זוכה געווען צו ברעכן, בלויז מיט שטארקע רצונות און מאסן תפילות. אין דבר עומד בפני הרצון - האבן מיר קלאר געזען.

די מופתים אבער, האבן אונז באגלייט ווייטער. ביים ארויספארן פון מירון האט זיך געשטעלט א נייע מניעה. ווי אזוי קענסטו ארויספארן פון דאנעט, אויב האסטו בכלל נישט געהאט רשות אריינצוקומען? ס'האט זיך אנגעהויבן רעכטס און לינקס, הייס און קאלט..

ס'איז געווען די צוגעשטעלטע וועג ארויס, וואו אלע באסעס האבן געדארפט פארן, און נאר די איינצעלע קארס וואס האבן געהאט רשות צו זיין אין מירון, האבן געקענט ארויספארן מיט א צווייטע וועג. וויבאלד אבער מיר האבן זיך אריינגעזען דורך א מופת, האבן מיר געדארפט אויכעט האבן א מופת זיך ארויסצוזען פון דארט. און דער אייבערשטער האט אונז אוודאי נישט פארלאזט, די פאליס האבן גע'טענה'ט אז בשום אין אופן קענען מיר נישט פארן אויף די וועג, פון וואו מיר זענען געקומען.

מיר האבן נישט געוואלט זאגן אז מיר זענען געקומען פון דארט, אבער צוריקגיין האבן מיר יא געוואלט פון יענע וועג - וויל די אנדערע וועג איז געווען א ברייטע ווייטע אומוועג, און מיר האבן זיך געיאגט צו קענען כאפן די חתונה פון אן אייניקל פון הרב ר' יצחק לעזער שליט"א אין יבנאל.

דאס איז שוין געווען אן עקסטערע מתנה וואס דער אייבערשטער האט געהאלפן. מיין מאן האט געדענקט די נאמען פון א דערפל אויפן וועג פון די קליינע ראוד וואס מיר האבן זיך אריינגעשווערצט קיין מירון, און ער האט זיי מרמז געווען אז ער דארף אנקומען אין יענע ריכטונג דערפל צו נעכטיגן.

אוודאי האבן זיי נישט געגלייבט, האבן מיר געוויזן בילדער פון אונזער אכסניה וואס מיר האבן געהאט באשטעלט אויף שבת אין מירון, און אנגעוויזן אז עס איז אין יענע ריכטונג, וואס ער האט פארשטאנען איז אין יענע דערפל. בסייעתא דשמיא האבן מיר זיך אויך ארויסגעזען אויף יענע וועג פון מירון, און אנגעקומען קיין יבניאל באצייטענס.

ווי איבערראשט בין איך געווען צו טרעפן דארטן אפאר טייערע פרויען פון אנשי שלומינו, וואס האבן מיר מיטגעטיילט זייער אפקומעניש, ווי זיי האבן פארברענגט 10, 15, 20 שעה אויף באסעס פון די שטאט יבניאל ביז מירון, וואס דארף ווען נעמען נישט מער ווי א שעה, אבער אין יענעם טאג, דורכאויס די נאכט, האבן זיי געווײלט די אלע לאנגע שעות, און געדארפט דורך גיין פיל לענגערע און שווערערע וועגן אנצוקומען קיין מירון.

עס איז מיר געבליבן קלאר ווי די טאג אז עס איז געשען וואונדערליכע זאכן, אלעס מיט תפילות און אמת'ע רצונות, בזכות צדיקים, און זיך מקשר זיין מיט זיי, האבן מיר עס גע'פועל'ט..

די קענסט אויך פועל'ן - בענק און בעט פאר דיינע רצונות!

# Iced Coffee

BY: S. BAUM

## INGREDIENTS:

- 1 TABLESPOON COFFEE
- 1 TABLESPOON VANILLA SUGAR
- 1 TABLESPOON HONEY
- ICE
- MILK
- BOILING WATER
- 1 16 OZ CUP
- 1 9OZ PLASTIC CUP

## DIRECTIONS:

FILL 16 OZ CUP WITH ICE TILL THE TOP.

IN THE 9OZ PLASTIC CUP DISSOLVE COFFEE, SUGAR AND HONEY FILLING CUP HALF FULL WITH BOILING WATER.

ONCE DISSOLVED ADD TO 16OZ CUP WITH ICE AND MILK. ENJOY!



ל. וועבערמאן

# וואו כעוען די שיך?

ברכה'לע מוז זיין אנגעטון די cutest פון די גאנצע קלאס! ברכה'לע איז די קליינע טשאטשקעלע פון די משפחה, זי האט א געלונגענע מאמע מיט אפאר גרויסע שוועסטערס וואס זאלן זיך טשאטשקענען מיט איר. די עלטסטע שוועסטער איז שוין 19 יאר, די צווייטע איז 17, און די דריטע איז 15. אויב זענען זיי נאכנישט חתונה געהאט, וואס נאך איז דא צו טון נאך פסח אויסער שאפינג???

די קריספיווארעמע ווינטעלע קומט אנטקעגן, עס צושפרייט זיך אין יעדע אבר וועו מ'גיבט עס א גוטן אטעם אריין, שכח אייבערשטער. א מענטש וואס ווייסט פון רעדן צום אייבערשטן כאפט זיך צו, ווי צו א געבראטנס - מ'הייבט אן ארומשפאצירן צווישן די גרינע ווי ביים טאטן אין וויינגארטן און מ'שמועסט מיט'ן טאט'ן, אזא מענטש קענסט שוין נישט פארנארן מיט קיין שום זאך, ער איז אין גן עדן.

לאמיר יעצט שמועסן פון די וואס האבן נאכנישט טועם געווען פון די אונגארישע וויין און זיי זוכן נאך אן עצה זיך צו באפרידיגן.

איך בין געווען די קינדערגארטן לערערין פון די קליינע 3 יעריגע ברכה'לע וואס שטייט און כאפט אן די לערערינ'ס קלייד און ווייסט נישט פון קיין חכמות צו זאגן.

איין טאג איז ברכה'לע נישט געקומען אין סקול צו קענען מיטהאלטן די משפחה נסיעה - מ'פארט פון קרית יואל קיין בארא פארק צו אויסשטאפירן ברכה'לע מיט זומער קליידלעך. ס'איז זיכער אז אויב פארט מען צו די אנדערע עק לאנד וועט ברכה'לע זיין אסאך זיסער פון יעדן איינעם.

נאכ'ן פָארן א שעה און אהאלב איז די ערשטע סטאנציע געווען די שיך סטאר, מ'וועט אויסוועלן א שיך און לויט דעם וועט מען צומעטשן אלע קליידלעך. צו זייער אנטוישונג זענען אלע סארט שיך געווען שיין



אויסגעלייגט פינקט די זעלבע ווי אין די לאקאלע געשעפטן. נאכן קוקן, זוכן, און פרובירן האט די גאנצע משפחה מסכים געווען צו איין דענים שיכעלע וואס וועט זיין די זאך, וואס די איין סארט איז נישט בנמצא אין קרית יואל (זעט אויס זיי באגייען זיך אן די מאדעס). כדי די וועג זאל זיך האבן אויסגעצאלט מוז עס זיין עפעס וואס מ'קען נישט קויפן אין קרית יואל.

די נסיעה האט זיך ווייטער געצויגן פון whoopie און צו נאך ענליכע געשעפטן. נאכדעם צו Petit Clair, Le Bambini און דאס גלייכן. נאך א גוטע פאר Klade אויסגעמאטערטע שעות האט מען שוין געקאווערט גאנץ 13'טע עוועניו ווען בשעת מעשה האבן די פארקויפערן'ס צוגעהאלפן מיט די "לעבנסוויכטיגע" באשלוסן.

מיט ווייעדיגע פיס ווארט מען שוין ענדליך אויף די קאר סערוויס וואס זאל זיי צוריק אהיימנעמען אינאיינעם מיט זייער אויסגעהארעוועטע אוצרות. די ביינער קענען קוים מיטארבעטן, ווען ענדליך קומט אן די קאר און מ'גיבט זיך זעץ אראפ בשעת'ן געבן א גוטע אטעם אפ.

צוביסלעך קומט מען צו זיך אן מ'הייבט אן נישטערן אין די באגאדזשן וואס מ'האט מיט זיך. ברכה'לעס שוועסטערס האבן מיט גלאנציגע אויגן זיך פרובירט צו פארשטעלן ווי cute ברכה'לע וועט זיין טראגנדיג די אלע דענים קליידער. פארשטייט זיך אז אלע קליידער האבן געמוזט זיין פון דענים ווייל ס'זאל שטימען מיט די דענים שיך!

> מ'קוקט אין איין בעג, און אין נאך איין בעג "באשעפער וואו טרעפט מען די שיך?" די זוכעניש ווערט ערנסטער, יעדער העלפט צו, אבער אינו, ס'נישטא.

בקיצור המעשה "די דמיון האט זיי פארנארט"! ווייל ווי אין דענים קען מען טרעפן שיינקייט? און פארוואס זאל א מענטש גיין אזא ווייטע וועג צו אויסקלויבן זיין מָן, ווען ער קען עס באקומען אין זיין אייגענע שטאט?

...אוי טאטע געב מיר שכל שוין, איידעלקייט זאל זיין מיין קרוין... איך זאל פארשטיין, אז דענים איז פאלשע חן...

למעשה די טאג ווערט שוין אזוי שקיעה'דיג. ברכה'לעס מאמע באצאלט די קאר און ב"ה מ'דערזעט זיך אינדערהיים, ווען זיי דארפן נאך איין מאל איבערקוקן אויב די שיך איז טאקע מעטשי - פונקט די זעלבע ווי די קליידער.

מ'קוקט אין איין בעג, און אין נאך איין בעג "באשעפער וואו טרעפט מען די שיך?" די זוכעניש ווערט ערנסטער, יעדער העלפט צו, אבער איננו, ס'נישטא. מ'רופט די דרייווער מ'פרובירט וואס מ'קען, אבער ברכה'לעס שיך איז נישט צו געפונען.

די קומענדיגע טאג האט די מאמע געברענגט איר ברכה'לע צו סקול און פארציילט די מעשה שמייכל'דיג ווי צו ווייזן אז זי האט אביסל געכאפט די רמז פונעם אייבערשטן.

ל"ג בעומר ווען אלע מיידלעך האבן באנייט די נייע זומער'דיגע קליידער, האט ברכה'לע באנייט אירע ברענד נעים קליידער אבער מיט שווארצע שיך.

***

אפשר איז עס אויך א רמז אז איך בין דא אויף די וועלט צו גיין שאפינג פאר מצוות. מ'דארף איינקויפן זאכן וואס קענען נישט ווערן פארלוירן. אז איך קויף א קליידעלע פאר מיין מיידלע האט מען אינזין דעם אייבערשטן.

איך קויף עפעס וואס איז איידל, לויט די הלכה, ווערט די שטיקל קלייד אן אייביגקייט וואס ווערט נישט פארלוירן.

אז איך קויף א הויזן פאר מיין אינגל טראכט איך וואס איז די אייבערשטערס cute, אזוי ווערט די פשוטע הויזן אייביגקייט. און ווען איך קום אן דארט אויבן צוריק אינדערהיים קום איך מיט מיינע פעקלעך מצוות אין די הענט און איך לאז עס נישט איבער אונטן.



ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## א פייגעלעך שפאציר, א תפילה שיעור.

טשיפ טשיפ טשיפ... לאמיר גיין אויף א פייגעלע טריפ...

די הימל קלאר און בלוי,
אין איר מויל עס ליגט א שטרוי,
זי קוקט אויף אלע זייטן,
צו מען מערקט איר פון דערווייטן.
א שטרוי נאך א שטרוי געגאנגען,
באגלייט מיט טשיפ טשיפ געזאנגען...

אויף די פעלד די פרייע גראז די גרינע,
זי טאנצט מיט איר פריינדינע,
א מחי', זי קייט און קווועלט,
ווי א פרייע פויגל אויפן פעלד.
און בשעת זי עסט און שלינגט,
טשיפ טשיפ זי זינגט...

זי פליט ארויף אלץ העכער,
באזעצט זיך אויף די דעכער,
זארגלאז אן קיין דאגה'לע,
טאנצט פון צווייג צו צווייגעלע.
אויף די בוים זי טוט זיך סווינגען,
טשיפ טשיפ הערט מען איר זינגען...

די פייגעלעך זענען נישט קובע,
נאר דעמאלטס זייגער דרייע... (3:00)

אויף 'יענע' דאך וועלן זיי טשיפטשענען א מחי'...
נאר, **א גאנצן טאג** ווי פייגעלעך פרייע,
זיי *טשיפטשענען* די גאנצע חבריא...

דער ראש ישיבה געלערנט האט אונז,
מיר קענען באווייזן די קונץ,
אונזער **טשיפטשענען** איז תפילה **שעפטשען**,
"באשעפער, העלף מיר זיך באכלעפשן..."

אין קאך ווען דו וואשט געשיר,
**שעפטשע**: "באשעפער פליז כח געב מיר",
ווען דו קערסט און וואשט די ערד,
**שעפטשע** אלעס וואס דיר עס שטערט.

דיין מח לויפט מיט מחשבות פארנומען,
די קינדער גייען שוין באלד אהיימקומען,
**שעפטשע**: "באשעפער, העלף זיי זאלן זיין געזונט,
אהיימקומען רואיג, נישט ווי א ווינט..."

**תפילה והתבודדות** מאך מיט די ליפן,
דער אייבערשטער האט ליב דיין שעפטשען
**שעפטשע** תפילת ווי די פייגעלעך פרייע,
עס וועט דיר געבן כוחות פרישע נייע!

# לאמיר שמועסן

נאמען: מרת מרת ל. ג.

וואוינארט: אשדוד.

קינדער: איין מיידל בעיבי.

א ניגון וואס עפנט דיר די הארץ: מיט עטליכע יאר צוריק האב איך זיך געמאכט א ניגון אויף די ווערטער פון די ערשטע אני מאמין, די ניגון עפנט מיר די הארץ.

א פלאץ אדער צייט וואס דו האסט ליב צו רעדן צום אייבערשטן: נאך לעכט צינדן אויף מיין קאוטש אדער ביי קברי צדיקים.

וואס גלייכסטו צו טון אין דיין ליידיגע צייט: זאגן תהלים.

דיין ציל אין לעבן: איך זאל שפירן דעם אייבערשטן אין יעדע צייט און ביי יעדע זאך.

פאר איך הייב אן ענק מיטצוטיילן מיין סדר היום, זעצט זיך אוועק דא נעבן מיר אויפן קאוטש, ווייל ווי דערמאנט פריער איז מיין קאוטש מיין בעסטע פלאץ צו שמועסן מיטן אייבערשטן, און סתם אזוי צו זיך און זיך אפרוען, איז שפיר זיך דא באקוועם.

איך הייב אן מיין טאג צופרי צווישן 8 - 7 אזייגער, איך טרינק א קאווע און איך גרייט צו א פרישטאג פאר מיין מאן, ער זאל עס קענען מיטנעמען מיט זיך צו זיין זאט ביז מיטאג.

איך עס א פיינע פרישטאג צו האבן כח. נאך פרישטאג נעם איך זיך צו מיין 2 חדשים'דיגע זיסע בעיבי, איך באד איר, איך פיטער איר, ביז זי שלאפט צוריק איין, און איך גיי דאווענען.

מיין דאווענען איז ברכות, קריאת שמע, די 13 אני מאמין'ס (ווען איך בין געווען 18 יאר אלט, האט דער ראש ישיבה שליט"א מיר געשריבן איך זאל מיר פארנעמען עס צו זאגן יעדן טאג) נשמת..

דו פרעגסט פארוואס נשמת? ווייל דער אייבערשטער איז אזוי גוט צו מיר, און איך וויל אים דאנקן!

שפעטער קומט תיקון הכללי און אביסל תהילים, און אוודאי פלעכט איך אריין מיינע אייגענע תפילות אויף אידיש, איך בעט פאר מיר, פאר מיין מאן, מיינע דורות און פאר הצלחה אין יעדע זאך וואס איך וועל היינט טון..

אויך האב איך ליב צו זאגן יעדן טאג תפילת השל"ה, אזוי ווייס איך אז איך האב שוין געערעדט צום אייבערשטן היינט, וועל איך האבן א מחיה'דיגע טאג.

איך שטעל מיך פאר אז ווען פרויען וועלן ליינען מיין שמועס וועלן זיי טראכטן 'WOW', ווי אזוי יאגט זי אן?' די ענטפער איז אז איך בין זיך משתדל, איך וויל יעדן טאג דאווענען די אלע זאכן, רוב טעג גייט מיר עס, און עס געשעט אז איך האב נישט פונקט געגוג צייט.

## ש. ח. שטעסל

מיין נישט אז אויב דו גייסט מיר יעצט קלינגען וועל איך אויפהייבן די טרייבל: 'נו, אה... נשמת...' אבער איך וויל, און אז מ'וויל קען מען.

מיינע צופרי שעות זענען די מערסטע אקטיוועע שעות, איך קאך דעמאלט מיטאג (פליישיג. מען רעדט דא פון מנהג ארץ ישראל - פארגעס נישט..) און אויסער דעם נאך א גרינגע מאלצייט פאר ביינאכט. איך וואש וועש, און איך נעם צאם די הויז, און אינצווישן האב איך אויכעט מיין בעיבי וואס לאזט מיר נישט זיין לאנגווייליג.

2 אזייגער מיטאג קומט מיין מאן אהיים, מיר עסן אינאיינעם מיטאג און דעמאלט האב איך אנדערהאלבן שעה צו שמועסן מיט אים, און מסדר זיין זאכן וואסווארטן אויף זיין הילף, וואס איך קען נישט אליינס טון.

5 אזייגער נאכמיטאג גיי איך ארויס צו מיין ארבעט אין א צירונג געשעפט, איך נעם מיט מיין בעיבי מיט מיר און א בעיביסיטער קומט איך נעמען ביז 8 אזייגער, וואס דעמאלט גיי איך אהיים, איך ענדיג צו די לעצטע פאר זאכן ביז מיין מאן קומט אהיים, און דעמאלט גיי איך ארויס אביסל שפאצירן מיט אים און מען גייט אהיים שלאפן צו האבן כח פאר די מארגנ'דיגע טאג.

איינמאל א וואך איז מיין סדר פארקערט, איך גיי ארויס צופרי צו די ארבעט.

וועלכע ארבעט? שכח אייבערשטער אז איך מאך די אקטיוויטעטן פאר בית פיגא בני ברק אין ירושלים, און דעמאלט ווערט די ארבעט שעות צופרי, און מיינע היים שעות - נאכמיטאג, ביינאכט.

אבער ווי אזוי קען מען וואוינען אין אשדוד און נישט דערמאנען די שיינע הערליכע ים ברעגעס וואס דער אייבערשטער האט דא באשאפן, איינמאל א וואך - מיטוואך איז דא א מארק גלייך נעבן ים וואס מען קען דארט טרעפן זאכן פאר זייער ביליג, למשל 10 בעיבי קליידער פאר 100 שקל!

און נאכן באזוכן די מארק און קויפן וואס איך דארף, גיי איך צו די וואסער, און איך זעץ מיך אראפ שמועסן מיטן אייבערשטן

מיין הארץ עפנט זיך דארט, עס קומט ארויס אזא פיינע התבודדות שמועס, בפרט ווען עס קומט אויס אין די שקיעה צייט, וואס עס איז אזא שיינע בילד דעמאלט, איך שמועס נאך אביסל מיטן אייבערשטן און איך גיי מיך אהיים.

ס'איז מיר געווען געשמאק ענק צו האבן צוגאסט. זייט'ס געזונט!

**שכח אייבערשטער!**

## א טיפ פאר די אידישע מאמע:

זוכסט נייע איינפאלן פאר פלייש?

דא האסטו א פיינע רעצעפט וואס נעמט נישט לאנג!

צושניידן ווייסע פלייש (חזה עוף/ טשיקן קאטלעטס) אויף שטיקלעך. אויסמישן שמן זית מיט קנאבל שטויב (אבקת שום/גארליק פודער) און פרעגלען אויפן פייער פאר 6 מינוט, אדער באקן אין אויוון, אדער אין בעדי קראקער/מיני קיטשן.

**- מרת ל. ג. אשדוד**

# בית אופה דחסידי ברסלב

מיר ווילן אויסדריקן

# הכרת הטוב

פאר אונזערע געטרייע ארבעטערס וואס האבן זיך
אוועקגעגעבן פאר די סוקסעס פון די בעקעריי.

**מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו**

**מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו**

**מו"ה פנחס דוד וועבערמאן הי"ו**

**ישעיה שטראסער**

**בנימין זאב זוסמאן**

**אפרים וויינבערגער**

**אלעזר אריה פעלבערבוים**

**יוסף שלמה כהן**

**יוסף סאלז**

**מרת א. מזרחי**

**מיט אלע חשובע פרויען**

*נח הערש ווייס* *שבתי מזרחי*

*sruliHeskel

קינדער בלעטל

# אנטיסעמיטישע לויזונג

## ווען א גוי פארשעמט א איד, וואספארא סימן איז דאס?

- דעם רבינ'ס חדר




דעדליין אריינצושיקן בילדער צום שבועות פארמעסט איז דאנערשטאג בהר בחוקותי

# מענטשערלך

**גוט** מאָרגן חַיִים - הָאט זַיין מַאמֶע אִים בַּאגְרִיסְט פוּן קָאךְ וואוּ זִי הַאלְט אִינְמִיטְן צוּשְׁטֶעלְן אַ וַוארֶעמֶע פְרִישְׁטָאג. "גִיס דִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער".

"אִיךְ הָאבּ שׁוֹין", הָאט חַיִים עֶנְטְפֶערְט אָן צוּ טְרַאכְטְן..

זַיין מַאמֶע אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן קָאךְ. "אַזוֹי אִינְטְרֶעסַאנְט, אִיךְ זֶע נָאךְ אַן אָנְגֶעפִילְטֶע טֶעפְּל נֶעבְּן דַיין בֶּעט. וֵייסְטוּ וָואס? גִיס זִיךְ אָפּ נָאכְאַמָאל אוּן טְרָאג עֶס אַרוֹיס, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם".

חַיִים הָאט פַארְשֶׁעמְטֶערְהֵייט זִיךְ גֶעוַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער - דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל יֶענֶע צוּפְרִי, אוּן עֶס אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן. עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַיין מַאמֶע וֵייסְט דֶעם אֱמֶת, אָבֶּער דִי לִיגְנְט הָאט זִיךְ פָּשׁוּט אַרוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט פוּן זַיין מוֹיל.

'וָואס קֶען מֶען טוּן?' - הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ - 'אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן פוּן זָאגְן לִיגְנְט'. עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן זַיין נֶעגְל וַואסֶער אוּן גֶעבֶּעטְן "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אִיךְ זָאל מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר אוּן נָאר זָאגְן אֱמֶת".

בַּיי נַאכְטְמָאל, נָאךְ אַ גֶעשְׁמַאקֶע טָאג אִין חֵדֶר, הָאט חַיִים גֶעפְרֶעגְט זַיין טַאטֶע: "טַאטִי, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אִיז עֶר שׁוֹין דֶערְנָאךְ? וֶועט עֶר שׁוֹין אֵייבִּיג בְּלַייבְּן מִיט דֶעם?"

"זֵייעֶר אַ קְלוּגֶע שְׁאֵלָה! דִי עֶנְטְפֶער אִין קוּרְצְן אִיז אַז אַ אִיד הָאט נִישְׁט קַיין מַזָל, אַ אִיד קֶען טוֹישְׁן אַלֶעס דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן גְמָרָא מַסֶכֶת שַׁבָּת, וָואס וֶועט דִיר דָאס עֶרְקְלֶערְן:

"נַחְמָן, דֶעק צוּ דַיין קָאפּ מִיט דַיין שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע קַאפְּל, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין שְׁטֶערְקֶער פוּן דַיין יֵצֶר הָרָע" - הָאט זַיין מַאמֶע אִים דֶערְמַאנְט.

נַחְמָן הָאט בֶּעסֶער צוּגֶעדֶעקְט זַיין קָאפּ אוּן גֶעבֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ זָאל מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר, אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת נָאר זַיין שְׁטֶערְקֶער פוּן מַיין יֵצֶר הָרָע".

נַחְמָן הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס עֶר גֵייט מִיט אַ גְרֶעסֶערֶע קַאפְּל פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים. בֶּאֱמֶת הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵיידְט, וַוייל אַנְדֶערֶע קִינְדֶערְ'ס קַאפְּלֶעךְ פַאלְן צוּמָאל אַרָאפּ וֶוען זֵיי שְׁפִּילְן, זֵיי הֵייבְּן עֶס אַוַודַאי גְלַייךְ אוֹיף, אָבֶּער זַיין קַאפְּל אִיז גֶעוֶוען גֶענוּג גְרוֹיס אַז עֶס הָאט זִיךְ אֵייבִּיג גֶעהַאלְטְן פֶּעסְט אוֹיף זַיין קָאפּ.

נַחְמָן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז פִיל יָארְן צוּרִיק זֶענֶען שְׁטֶערְן זֶעעֶרְ'ס גֶעקוּמֶען צוּ זַיין מַאמֶע אוּן אִיר גֶעזָאגְט:



ח. שטיינבערג



"דַיין קִינְד גֵייט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גַנָב". נַחְמָן'ס מַאמֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, אִידְן זֶענֶען אַסַאךְ הֶעכֶער פוּן דִי מַזָל וָואס שְׁטֶערְן זֶעעֶר'ס זֶעהן. 'מַיין קִינְד גֵייט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק' הָאט זִי גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ. זִי הָאט אִים אוֹיפְגֶעצֵייט אַ גְרוֹיסֶע קַאפְּל, וַוייל אַ קַאפְּל דֶערְמַאנְט אַ מֶענְטְש אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיף אִים, מִיט אַ גְרֶעסֶערֶע קַאפְּל פִּילְט מֶען מֶער דִי מוֹרָא פַאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - מֶען הָאט מֶער יִרְאַת שָׁמַיִם. אוֹיךְ הָאט זִי שְׁטֶענְדִיג גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְמַאנְט אִיר קְלֵיינֶעם נַחְמָן צוּ בֶּעטְן אַז עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרָע.

דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן אִיז טַאקֶע אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דֶער אַמוֹרָא רָב נַחְמָן בַּר יִצְחָק. אֵיין טָאג, אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אוּנְטֶער אַ טֵייטְל בּוֹים אִין זַיין חַבֶר'ס גָארְטְן אוּן גֶעלֶערְנְט. אַ קִילֶע ווִינְט הָאט אַרָאפְּגֶעבְּלָאזְן זַיין קַאפְּל פוּן קָאפּ, רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק הָאט אַרוֹיפְגֶעקוּקְט אוּן גֶעזֶען אַ גֶעהֶענְגְל פוּן טֵייטְלֶען הוֹיךְ אוֹיפְן בּוֹים, זַיין יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף אִים, עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן אוֹיפְן בּוֹים אוּן אַרָאפְּגֶעבִּיסְן דִי טֵייטְלֶען מִיט זַיינֶע צֵיינֶער.

***

זַיין טַאטֶע הָאט צוּגֶעעֶנְדִיגְט: "קוּק וֶועלְכֶע גְרוֹיסֶער צַדִיק עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן וַוייל עֶר הָאט אֵייבִּיג גֶעהַאלְטְן זַיין קָאפּ צוּגֶעדֶעקְט, אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם. עֶר אִיז טַאקֶע גֶעבּוֹירְן מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָה פוּן גְנֵיבָה, אָבֶּער דִי שְׁטֶערְן זֶעעֶר הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז אַ אִיד אִיז הֶעכֶער פוּן זַיין מַזָל, אַ אִיד הָאט עֵצוֹת וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן: זִיךְ צוּדֶעקְן דִי קָאפּ מִיט אַ גְרוֹיסֶע קַאפְּל אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ זֶעסְט אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ, אוּן דוּ הֶערְסְט אַלֶעס וָואס אִיךְ רֶעד, אוּן דוּ וֵוייסְט אַלֶעס וָואס אִיךְ טְרַאכְט, אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן דִיר. הֶעלְף אִיךְ זָאל זַיין שְׁטֶערְקֶער פוּן מַיין יֵצֶר הָרָע אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת'".

חַיִים הָאט גֶעמַאכְט אַ עֶרְלִיכֶע נָאךְ בְּרָכָה אוּן בַּאדַאנְקְט זַיין מַאמֶע פַאר דִי פֵיינֶע נַאכְטְמָאל, אוּן זַיין טַאטֶע פַאר דִי שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ גֵיין שְׁלָאפְן

"גֶעדֶענְק צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע", הָאט זַיין מַאמֶע אִים גֶעזָאגְט.

"אִיךְ הָאבּ שְׁ..." חַיִים הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט דִי לֶעצְטֶע רֶגַע פַארְן אַרוֹיסְזָאגְן דִי לִיגְנְט. עֶר הָאט פַארְרָאכְטְן זַיין קַאפְּל אַז עֶס זָאל מֶער צוּדֶעקְן זַיין קָאפּ אוּן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ גֵיי יֶעצְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, מַאמִי".



דעם

# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון מוהרא"ש דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: א קאפיטל תהלים איז אזוי ווי א גוטע פאנטש! (א פיינע קאלטע טרינק)

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי זאגט: שיסן ל"ג בעומר מיט א פייל און בויגן איז א סגולה פאר**

א. קינדער

ב. אסאך קינדער

ג. קענען ציילן

ד. קאמפאוט

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

חז"ל זאגן: "לְפוּם צַעֲרָא - אַגְרָא", לויט ווי שווער עס קומט אן א מצוה אלץ מער שכר באקומט מען דערויף.

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך איז גרע'י און ס'דרייט זיך ארום און ארום?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה - חלק ראשון**

**מח. כְּשֶׁאֻמּוֹת מְחָרְפִין אוֹתָנוּ בְּיוֹתֵר, זֶה סִימָן עַל מָשִׁיחַ.**

וֶוען דִי גוֹיִם פַארְשֶׁעמֶען אוּנְז אַסַאךְ, אִיז עֶס אַן אָנְדֵייטוּנְג אוֹיף מָשִׁיחַ.



# שרייב טישל

## לאמיר זיך באקענען

**הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן** (צווישן צוויי ליינס לאזט מען ליידיג)**, און שיק אריין צום בלעטל וועם דו האסט געטראפן דא!**



**ווען דו ענדיגסט קענסטו אריינשיקן א בילד פון דיר** (מאך זיכער ס'איז א קלארע בילד פון דיין פנים)**, און אפשר וועסטו זיך אליין טרעפן אינעם שפיל קומענדיגע וואך!** (דעטאלן וואו צו שיקן דאס בילד קען מען זען אויף זייט 2)



בילד פון פארגאנגענע וואך: **שלומי אינדיג - קרית ברסלב - כתה ה**

# קליין און פיין

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:
845.379.1161
BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



קיילי ווייס



שלמה אינדיג



חיי אסתר יאקאבאוויטש



נחמן יאקאבאוויטש



שמואלי און ישראלי פעקעטע



אליעזר שלמה אפפעל



פייגי לאנדא



חני אפפעל




# LOOK! WE'RE OPEN

**OPEN MONDAY & THURSDAY, 12-5**

CARING FOR ALL YOUR
OPTICAL NEEDS, ALL YEAR ROUND.

EYE DOCTOR
ALL YEAR ROUND

845.482.9394 | REFUAHHEALTH.ORG
36 LAUREL AVE. SOUTH FALLSBURG, NY 12779

OPTICAL AT
RefuahHealth

1885 NY-52 LIBERTY, NY 12754 | 845.482.5008




# קלאסיפיידס

## שבועות אין שטעטל

געצייילטע דירות אוועילעבל צו פארדינגען אויף האשקי פאר יום טוב שבועות.

רופט
845-600-2557

אימעיל
Capraterealty@gmail.com

## Summer House

4 bedroom apartment available to rent for the upcoming summer

Call 917-501-5100

## נאך א בעבי נאך א בעבי

צו באקומען פיינע נאראאפטיגע פרישטאג פאר קימפעטאריגס

שטייגבערג (917) 387-7838

פינטער (347)-415-2888

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו**
**וזוגתו פייגא יוטא תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה רפאל פורסט הי"ו**
**וזוגתו מרים תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

# געשעניש

## אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב

## ל"ג בעומר פון די פריערדיגע יארן





ל"ג בעומר ביי מוהרא"ש זי"ע שנת תשע"א



ל"ג בעומר אין ישיבה שנת תשע"ג





ל״ג בעומר תשפ״ג



ל״ג בעומר אין שטעטל שנת תשפ״ד



טיי אווענט פאר כולל היכל הקודש אין שטוב פון
מו״ה יואל פארקאש הי״ו שנת תש״פ



ל״ג בעומר אין מירון שנת תשפ״ד

ברסלב

קרן הדפסה

היכל הקודש ברסלב

להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פון טיפן הארצן טוען מיר
וואונטשן א הערצליכן ברכת

# מזל טוב

פאר אונזער טייערע חבר

## מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו
## וזוגתו תחי'

וואס שטייט אלץ צו די רעכטע האנט פון 'קרן הדפסה'

## לרגל שמחת הולדת הבן למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און דו זאלסט האבן כח צו קענען ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן און פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות פאר די גאנצע וועלט.

וואונטשט,

## הנהלת קרן הדפסה

*sruliHeskel

27 איז שוין נישט נאר אויף סקילמאן סטריט

dominogrp.com




# הערשי זעט נומבערס.

דו פירסט דיין ביזנעס זייער פיין, אבער דו זעסט נאר די מעשיות, הערשי זעט די נומבערס. נעם הערשי פאר דיין בוקקיפער, און דו פאוקעס ווייטער אויף די מעשיות.

הערשי זאבעל - 27digitsllc@gmail.com - 718.669.2921

27_DIGITS™